# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאַנג   יולי 1947 לאָנדאָן   נומער 7 (העפט 90)


## אויף דער וואך...

1

אין די שווערע מלחמה יאָרן, ווען מיר דאָ זיינען געשטאַנען פנים אל פנים מיט אונזער וויסטן גורל; די יידישע ישובים אין איירא͏ָפּע ווערן פאַרטיליקט, ווערן דערטרונקען אין אייגענעם בלוט, גייען אויף אינם רויך פון ברענענדיקע שייטער־אויוונס, און אונזער ישוב דאָ אין מאַכטלאָזיקייט און אין שרעק פון אייגענער געפאַר מתחלת און שפּעטער אינם טומל פונם פאַרבליפּנדיקן זיג, שטייט מיט אָפּגענומענעם לשון; דעמלט, אין יענע ביטערע רווישנדיקע מלחמה יאָרן און שפּעטער אין די נאָך מלחמה־חדשים, ווען דער קול ענות פון דער יידישער פּאָליטיק האָט זיך גענומען אַלץ איבערשרייען, אפילו דאָס רציחה געשריי פון די רוצחים און דאָס געכאָרכל פון די אויסגעקוילעטע, דעמלט האָבן מיר געלאָזט דאָס יידישע וואָרט ווי ליכט סיגנאַלן אויפלויכטן דאָ אויף די ווינדיקע אינזל־ברעגעס. און איז עס נישט בכח געווען גענוג צו דערגרייכן צוראַטעוועןֹ, זאָל עס לכל הפחות זיין אויף די לעשנדיקע וואַסער דאָס נשמה ליכטל: וואָס ציטערט מיט, וואָס צאַנקט מיט.

ווער האָט געדענקט דעמלט אין לאָקאַלע נוצלעכקייט און נויטווענדיקייט פון יידישן וואָרט? אויפן גאַנצן קאָטינענט ווערט דאָס יידישע שאַפנדיקע וואָרט אויסגעראָטעט צוזאַמען מיטן יידישן לעבן זאָל מען עס דאָ כאָטש באַשיצן מיט די הוילע הענט אונזערע, דעם צאַנקענדיקן נר־תמיד, אַז ס׳זאָל נישט דערווייל אינגאַנצן פאַרלאָשן ווערן. עס איז נישט געגאַנגען מער אין אַ קיבוץ, — אין דעם ביסעלע אָרעמקייט דאָ! — עס איז געגאַנגען אין אונזער גרויסער קולטור־ירושה!

און אַז עס איז געווען בלויז עמך־יידן אין ווייטשעפּל, די האָראָפּאַשנע מענער און פרויען פון די יידישע נעסלעך דאָ, וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעלט און פאַרשטעלט מיט זייערע ברייטע פּלעס אַז דאָס פלעמל זאָל זיך נישט אויסלעשן — — — אַז זייערע אויגן זיינען דאָס געווען, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן און געלויכטן בשעת מ׳האָט פרשה־ווייז יעדן שבת געליינט מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, זיינען עס זיי דאָך אויך נאָך, וואָס אין זייער זכות ווערט די תורה נאָך ווייטער געליינט פרשה־ווייז מדי שבת לשבת — אָ, „מי כעמך ישראל גוי קדוש“!

מ׳דערציילט יעצט, ווי אין די געטאָס, ווי אין די פּאַרטיליקונגס לאַגערס האָבן יידן נאָך אין די לעצטע מינוטן פון זייערע לעבנס זיך צוגעהערט צום

יידיש וואָרט, טרייסט צוגעפּינען און באַרואיקונג אין די לעצטע רגעם עם געשעפּטשעט אויף זייערע ליפּן צוזאַמען מיטן לעצטן שמע ישראל, זאָל אויך דערציילט ווערן פון טאַטעס און מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זיינען שוין אינגאַנצן אויפגעגאַנגען אויפן מולך פון אַסימילאַציע, זיינען מיט רבי שלמה געגאַנגען „זינגנדיק און טאַנצנדיק"....איבער די חורבות פון דער וועלט און אַ גאַנצע וואָך האָט זיי געקלונגען פערזן פון פאָלקס־לידער ווי שטיקלעך פּיוט פון אַ מחזור אַרויס — — — און דער בטחון פונם האַראַפּאַשניק טוביה, ווי האָט ער זיי געשטאַרקט זייערע הערצער מיט יידישן גלויבן!

און שפּעטער אין די נאָך־מלחמה־חדשים, אינם טומל פון קאָנפערענצן, פון אַנפּאַרנדיקע שליחים, פּליטים, האָט דאָס פּייערל דאָ אויף אונזער אָרעמען פריפּעטשיק דערוואָרעמט נישט איין הארץ — זיי האָבן דערפילט די היימישע און וואַרעמע נאָענטקייט! עס גענוגט דאָך דאָס פּינטעלע ייד, אַז מ'זאָל איינער דעם אַנדערן דערפילן — איין איינציק פּינטעלע! און ווען דאָס חלילה איז שוין נישטאָ וואָס העלפן שוין און נוצן נאָך אַלע אַפּילס און אַלע פּאָליטישע מאַכערייקעס — — —

אָ, אַז דאָס ביסעלע אַרבעט דאָ איז נישט געגאַנגען אין ניוועץ; זיי האָבן עס דערפילט, אַז זיי, די געבליבענע זיינען געבליבן ביי עפּעס — אַז די ירושה אונזערע איז אָפּגעהיט געוואָרן!

2

אָבער וואו ס'איז פאַראַן אַ ירושה, יאַוויען זיך שוין ירושה מאָנער! ביים קראַנקען בעט פונם שכיב־מרע, ביים גוסס צוקאָפּנס שטעלן זיי זיך אַרום מיט קולות עד לב השמים און מ'הרגט זיך און מ'שלאָגט זיך און מ'קריגט זיך איבערן גרעסערן און בעסערן חלק — יעדער וויל אַלץ דאָס בכבודיקער שטיק! און די בכורים צוויי חלקים — און עשו וויל דוקא זיין דער בכור און פאַר אַ טעלער אַרבעס זופּ פאַרקויפט ער זי....

אָ, די „חברה־נושאים"... — די קולטור־טרעגער! — זיי קאָנען זיך גאָר נישט דערהאַרן, און פאַר און בשעת יציאת נשמה שלאָגט מען זיך שוין פאַרן גלעזל. און יענע ערשט, וואָס האַלטן גרייט מיט פאַרגלייזטע אויגן דאָס טאָרבעלע „ארץ־ישראל־ערד"... זיי קאָנען זיך גאָר נישט דערוואַרטן אויף דעם אַרויסגעקוקטן מאָמענט.

אָ, מיר האַלטן שוין גאָר ווייט אין אונזער ליטעראַטור, — אין אונזער מאָדערנער פּראָלעטאַרישער האָראָפּאַשנער ליטעראַטור, — אַז אָך און וויי איז צו אונז. ווי די געדונגענע עשרה־בטלנים, ווי די קהלישע כלי־קודש, ווי די באַצאָלטע קדיש־זאָגערס האָבן שוין אַפּנים די „באַרימטע" „טאַלאַנטן", — גיט מען אין יד אַריין קלאַפּט מען אָן דעם „קל מלא רחמים", ש'נדרט מען זינגט מען אָן דעם „מ'שברך" — עס פעלט נאָר אוים די רויטע פּאַ־



טשיילע איינצובינדן דערין די ווערקע, אַזוי דרייען זיך שוין אַרום אונזערע אויטאָרן אין די קאָרידאָרן פון גבירים מ'זאָל זיי באַוויליקן אויפצונעמען. יאָ, אַז ס'פעלט דער הדרת הכבוד צו זיך אַליין ווי קאָן מען עס פאַרלאַנגען פון אַנדערע?....באמת, מיר זיינען זיך אַליין אַ סך שולדיק!

אָ, מיר האַלטן שוין גאָר ווייט אין אונזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — שוין כמעט לשון־קודש! וואָלט דאָך שוין אַלץ גוט געווען, איז אָבער זיי, אונזערע נייע כלי־קודש, זיינען דאָך מאָדערנע — נאָך זיי מעג שוין קומען דער מבול!....זיי האָבן אַפילו נישט אין זיך דעם פּראַקטישן ערנסט זיך צו פאַרטראַכטן — לכל הפחות ווי די רעוורענדס און די קאָלעקטאָרס, כביכול, — אַז מיט זייערע אַלע קאָבלעפּל און כל־ולך'ס, וואָס גלעטן זיך די שפּאָרעדיקע בייכלעך וואָלט זיך אויסגעלאָזט קיי און שפּיי, ווען נישט די מנינים פרומע נפשות און ערלעכע שעפעלעך נשמות וואָס... לאָזן זיך שערן....

אָבער ווי געזאָגט אונזערע כלי־קודש, פון לינקס און פון רעכטס, זיי זיינען מאָדערן, זיי פייפן אויף דער וועלט: ווייס איך וואָס יידיש־מידיש! ווועט מען ס'לעצטע ביסעלע וואָל האָבן אַראָפּגענומען וועט זיין העברעאיש! אַ יאָר אויף מיר ווי צו זיין איבערזעצט אין העברעאיש איז אַ שענערער יחוס ווי זיך אָוועקזעצן אויפן שוסטער בענקעלע און אָפּקאָווען ערשט עפּעס אין יידיש....אַפילו „הזזירן" אַ בוך איז אויך בכבודיקער אין העברעאיש!

און איז נישט ענגליש נאָך אַ געניאַלערער כאַפּ! די שפּראַך פון שעקספּיר! פון אַ וועלט מיט מענטשן, מיט „בעסט־סעלערס"! מ'שטיינגעזאָגט, דער יידישער פאַרנאָס וואו מ'קען זיך באַווייזן — וויטשעפּל!!

אָבער די ירושה מאָנער און חלוקה־טיילער האָבן במחילה אַ גרויסן טעות געהאַט! דער חולה מסוכן, דער שכיב־מרע האָט זיך אויפגעכאַפּט פונם הין־און־הער־פּלעט. פון די פאַרוואָרפנסטע פּאַשיסטישע מקומות קומען אָן אויף דעם אַדרעס ווייטשעפּל, יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, מאַנוסקריפּטן פון יונגע טאַלאַנטן, פון אַרויסגעגעבענע ביכער, וועלכע זאָגן צו נאָך בעסערע און טיפער־פאַרטראַכטעטע — דער צער און צאָרן שרייט אַרוים פון זיי און דער טיפער גלויבן.

משה יונגמאַן אַ נייער נאָמען „קאָסמאָגאָניש" אויפגעגאַנגען פון די טאָרפּגריבער פון טויט, אויפגעשטאַנען מיט זיי „אין הינער־פּלעט". אין מינכען מענדל מאַן מיט אַ ביכל „ירושה", אַ פּראַכט אויסגאַבע מיט געטאַקטע לידער. און אין פּוילן און אין פּאַריז זאַמלען זיי זיך די אַלטע געוואַרדיעס אונזערע, און די נייע פּלעיאַדעס פון יידישן וואָרט.

יאָ, אויב מיר האָבן זיך יעצט „עטאַבלירט" ווי אַ פאַריין פון „פּריינט פון יידיש לשון" איז שוין ניט בלויז בכדי צו באַהיטן אַ פאַרלאָזטע ירושה— עס איז שוין אַ הייליקער אוצר, אַ רעזערוואַר! און דער אוצר פאַרגרעסערט זיך און דער רעזערוואַר ווערט פולער — — — יאָ, אויב מיר האָבן זיך עטאַבלירט איז עס שוין בעיקר איצט צום קאַמף אַקעגן די ירושה מאָנער און „חלוקה־כאַפּער", אַ קעגן דער מכת מדינה דאָ.

אַבער אפנים, אַז עס איז נישט נאָר אַ מכת־מדינה בלויז! עס איז אַ תרועהדיקע מכה־טריה, מ׳הערט טיילמאָל ס׳שאַלן ביז דאָ אַהער אַזש פון ניו־יאָרק! אפנים, אַז אָנקל מאָזעס אין אַמעריקע איז גאָר אַ וואוילע יורשטע און נייט זיך אויך שוין דעם ברייטן בייטל אַ כאַפּ אַריינצוגעבן די מיר־נישט דיר־נישט לייכט אַריינגעפאַלענע ירושה.

דאָרטן, אין ניו־יאָרק האָבן מיר וועניגסטנס אונזערע גרויסע שרייבער, מיט אחריות מיט זאָרג, וואָס שטייען אויף דער וואַך צו באַשיצן דעם כבוד פון שעפערישן יידישן וואָרט. דער גרויסער הדרת הכבוד פאַר זיי, און זייערער פאַר די שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור, איז אַ זיכערקייט! און אויך די צוויי גרויסע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, דער „איקוף“ און דער „ציקוף“, ווי זיי זאָלן נישט שטיין טיילמאָל אַנטאַגאָניסטיש איינער קעגן צווייטן, בנוגע אָבער דעם דרך־ארץ פאַרן יידישן וואָרט שטייען ביידע ווי לייב־וואַכן עס צו באַשיצן און באַהיטן, אויפפאָדערנדיק צו אַקטיוויטעט און ריינקייט.

זייער געראַנגל פאַר דער דערציאונג פונם יידישן קינד, פאַר לעקציעס און קורסן פון דערוואַקסענע, דער פאַרלאַג־טעטיקייט פון נייע ביכער און פון פריש איבערדרוקן אונזערע קלאַסיקער, און ועל כלם, לעצטנס דאָס אַרויס־טרעטן קעגן דער שונד־מגפה פון יידישן טעאַטער גיט אַ שטיקל השגה פון זייער קאַמף פאַרן המשך פון דער יידישער קולטור. פאַר אונזער ירושה — מ׳מוז שוין האָבן אַזעלכע גרויסע כוחות, אַזעלכע זיילן פון שרייבער און קולטור־טוער מיט אַזאַ מסירת נפש צו קעמפן קעגן אונזער אַמעריקאַניזירטן בלאָף דאָרטן — קייגן די בזיונותדיקע „ביזנעס“ וואָס האָבן זיך צומאָל אַריינגעכאַפּט אין אונזער קולטור־וועלטל.

האָבן מיר דאָ יעצט אין אונזער מיקראָסקאָפּישן וועלטל אַהערבאַקומען אַ חשובן גאַסט פון אַמעריקע, אַ פאָרשטייער פון יידישן טעאַטער. און מי לנו גדול, פון דעם דירעקטאָר פון יידישן קונסט טעאַטער, פון אים אַליין — מאָרים שוואַרץ! אָן שום ספק אַ מענטש מיט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן, אַ טעאַטראַל פון ברייטן פאַרנעם. שוואַרצס דעקאָראַטיוו ראָמאַנטישקייט, זיין לאַבירינטיש ראַמפּן־באַלויכטן איז אַזוי צו זאָגן געוואָרן די אַמעריקאַנישע שולע! מ׳האָט אים מוחל געוועזן זיין סטאַר־מאַניע, ווייל ער האָט געוואוסט זיך אַרומצורינגלען מיט די בעסטע טאַלאַנטן פון דער אַמעריקאַנער יידישער בינע.

מיר האָבן געהערט אַז ער קומט יעצט אָן אַ טרופּע, מיט רעציטאַציעס — קיין צו גרויסעס האָבן מיר נישט דערוואַרט, ווייל מיר קענען זיינע גרענעצן — אָבער דאָך מאָרים שוואַרץ! דער אָריאָל פון 2 צענדליק יאָר פונם קונסט־טעאַטער!! יאָ, מיר האָבן אים מוחל געוועזן די גוט געשמירטע רעקלאַמע מאַשין וואָס גייט פאָרויס ווי אַן עמוד האש, ווי די רעפלעקטאָרן־לעמפּ פאַר יאָשע קאַלב. מיר האָבן אים מוחל געוועזן, ווייל עס געהערט מסתמא להגדיל את העסק. . . . וואָס זאָלן מיר יידן טון, גרויסע קינסטלער



מיט קליינע שוואַכקייטן!

אָבער, אַז מיר האָבן דערזען דעם ערשטן אויפטריט איז אונז פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן: אויף ר׳ שלמה׳ס גאָלדענער קייט אָנגעהאָנגען עפּעס אַ גאַנצן קלאַפּער קאַסטן מיט אַ קלימפּערדיקן קלאַוויר, און אַ „געוואָרפענעם“ „יום־שבתון“ קוגל נאָך צוגעוואָרפן, אַז ס׳זאָל זיין פון וואָס זיך צו באַלעקן... אָ, ווי שמאַלציק! און פון די הייליקע דערציילונגען פון פרצן „ביים גוסס צו־קאָפּנס“ צו מאַכן אַ נאַריש קופּלעטל, אָ, דאָס איז שוין מער ווי... — דאָס איז כמעט שענדונג!

און צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף שלום עליכם׳ס „וחלקלקות“ דאָס האָט שוין כוועדקע אויך נישט געוואַגט!!! צי ברויך נאָך שלום עליכם אונזער גרעסטער וואָרט זשאָנגלער און הומאָריסט פון אַ וועלט פאַרנעם, אַן אַקטער ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, זאָל אים צושטעלן הוילע־קלינגנדיקע ווערטער.

יאָ, בכדי צו ווייזן די וועלט אַז מ׳איז אַ גרויסער קינסטלער האָט מען נישט נויטיק ערשט פאָרצולייענען שעקספּירן אין קאָרעקטן ענגליש — מ׳מוז נאָר לייענען קאָרעקט יידישן טעקסט! און זענט איר „צו גרויס“ צו האָבן הכנעה פאַר יידישע קלאַסיקער, זייט מוחל מאַכט אייך אייער „חזן דעם שכור“ און אַנדערע אַזעלכע טעקסטן און ווייזט אייער באַגאַבטקייט, לייגט אַריין דערין אייער גאַנצע טעאַטראַלישקייט, און מיר וועלן אייך געבן דעם כבוד וואָס איר פאַרדינט. פרצ׳נס דערציילונגען לאָזט איבער פאַר יענע דער־הויבענע מיט אינערלעך קינסטלערישע הכנעהדיקייט! און צערייסט אונז ניט די 18 קאַראַטדיקע גאָלדענע קייט, וואָס באַצירט דעם מאָגערן האַלדז פון דער כנסת ישראל, און פון וועלכער ס׳טאָר איין רינג נישט געמינערט ווערן אין אונזער אייביקן אוצר קאַסטן. ס׳איז די ירושה וואָס מוז באַהיט ווערן פאַר דור דורות.

4

איז עס דערפאַר געווען אַ טאָפּלטער נחת רוח דער פאָלגענדיקער שבת־נאָכמיטאָג פון אונזערע י.ל.ש.נ. (נאָך דעם גרויסן טראַסק פון מאָרים שוואַרץ) ווען איינער. פון אונדזערע פשוטע פאָרליינער, — נישט קיין מענטש מיט גרויסע קונסט פּראָטעקציעס, חלילה, אַן איינפאַכער עמך־ייד פון אונזערע פּראָגרעסיווע האָראָפּאַשניקעס דאָ, — ווען ער האָט פאָרגעליינט אַ דערציילונג פון י. ל. פרץ. ער האָט גראָד געהאַט די פאַרגאַנגענע וואָך באַקומען די אויספירלעכע נאַכריכט פון זיין שטעטל אינדערהיים, אַז דער וועג פון זיין גאַנצער משפחה איז געווען דער זעלבער ווי פון אַלע יידן אין די פוילישע שטעטלעך.

און וועלנדיק אין זיין צער, אין זיין גייסטיקן מצב עפּעס טון, אַ טאַט, אַ מעשה, אַן אינערלעכע האַנדלונג זיך כולל צו זיין מיט זיינע אומגעקומענע עלטערן, מיט זיינע געקוילעטע שוועסטער און ברידער, האָט ער אויסגעקליבן פאָרצולייענען פאַרן עולם „באָנטשע שווייג“.

מ׳האָט געמוזט הערן ווי זיין האַרץ האָט אַרויסגעקלאַפּט פון זיין יעדן

געליינטן וואָרט, אַזוי טיף האָט ער עס אין יעדן וואָרט אַריינגעלייגט. מיר אַלע, דער עולם אַרום האָט זיך צו יעדן וואָרט צוגעהערט ווי צו אַן ערשטן קדיש יתום, ווי צו אַן קל מלא רחמים.

ער האָט גאָרנישט צוגעלייגט, נאָר זיין האַרץ האָט ער אין יעדן וואָרט אַריינגעלייגט! און אַז ער האָט זיך טועה געווען מיט אַ נקודה, אָדער מיט אַ קרי און כתיב פון אַ לשון־קודשדיקן אות האָט מען אים צוגערופן ווי ביים ליינען די סדרה, אָדער זאָגן די הפטרה.

און איז עס דען אַנדערש אין אַנדערע שבתים, ווען מ׳ליינט פאַר אַ קאַפּיטל פון אונזערע קלאַסיקער? די שווערע מי פון דער גאַנצער וואָך, די דערוואַרטעניש אויף די גייסטיקע שבת שעהן ליגן זיי אַריין אין זייער ליינען, אין זייער מטעים זיין און יעטווידער זאַץ ווערט יאָדערדיק און אויפגעבראָכן ווי אַ פלייש־יקע נוס, ווי אַ זאַפטיקע פרי אויפן שבת־אויבס־טעלער.

און דער גייסטיקער נחת־רוח און דער ריינער בטעמ׳טער געגעס ביים עולם — אויפן שפּיץ־צונג צו דערפילן! נישט געוויצט, נישט שאַרף איבערגעווירצט, נישט פייגל און דער לופטן צו בעווייזן — די פלאַטערדיקע שכינה פון אונזערע קלאַסיקער, פון אונזערע וואָרט־שאַפער רוט הייליק איבער אונזערע קעפ — — —

אונזערע קלאַסיקער, אונזערע וואָרט־שאַפער זיינען נישט קיין גולמ׳ס, אַז מ׳מוז צוקלעבן ווערטער אונטער דער צונג, זיי לעבעדיק צו מאַכן. די אויפגאַבע פונם ליינער איז צו זיין מעדיום צווישן זיין געשאַפענעם טיפ, אָדער וויזיע — עס מוז זיין „שכינה מדברת מתוך גרונו"! און דער צוהערער דערלעבט דעמלט די גרויסע שאַפונג פון זיין פאָלק. קונסט איז נישט שוואַרץ־קינצלעריי סטענגעס זיך צו ציען פון מויל אַרויס און דער הערער זאָל זיצן ווי אַ ליימענער גולם און גאַפּיען.

די „עטאַבלירונג" פון „פריינט פון יידיש לשון" איז נישט בכדי אָנצופירן אַ מלחמת מצוה אַ קייגן דרך־אַרצלאָזיקייט, פונקט ווי נישט צו קעמפן אַ קייגן די ירושה־מאָנער, — יעדער קעגן־מיטל צומאָל איז אונז אומעסטעטיש און שפּל׳דיק! אָדער מ׳ברויכט נישט אָדער ס׳העלפט נישט. מיר ווילן עס נאָר נאָטירן, אַז די וואָס פילן עס זאָלן זען אַז עס איז נאָך נישט אינגאַנצן הפקר וועלט. עס איז „עולם כמנהגו נוהג"! מיר ווילן נאָר, אַז ס׳זאָל זיין „חדש ימינו כקדם": פונקט ווי אַמאָל אין רומ"ל־געטומל אין געקלינג פון גלעקלדיקע כתר׳ס און גאָלדענע ידן, אין דעם חזנישן ציקלען פון מ׳שברך׳ס און שנדר׳ס האָט מען דאָך געהערט מיטן טראָפּ די פרשה ליינען, און נאָכן ככלות הכל פונם עלינו שפּיי. האָט אין דער לופט געשוועבט דער דרך־אַרץ דערהויבנדיקער ואנחנו כורעים ומשתחוים, ווילן מיר אַז אין אונזער מאָדערנע רומ"ל פון די כל־ערליי אַלע צעלייגערס און קאַטערינקע־דרייערס, פון די כל־ערליי ביזנעס און אומשטערבלעכקייט, זאָל זיכער דאָס גרויסע ליכט פון אונזערע שאַפערס נישט אויסגעבלאָזן ווערן נאָר אין אַ ווינקל ערגעץ זאָל עס ברענען ווי אַ צאַנקנדיקער נר־תמיד כאָטש אין אַ פּוסטער שול.



## יאסל מלאטעק (שאנכאי)

# לידער

### אין דער פרעמד

ס׳איז גוט צו פילן, ווען איך בלאָנקע
אין דער פרעמדער שטאָט —
קלאַפּט אַ האַרץ וואו פון אַ נאָענטער
בענטשט מיין יעדן טראָט;

און שנירלט אוים אויף ברייוולעך ווייסע
גרוסן — פּערל מיר,
און מיט חתימות — טרערן הייסע
פילט זי אָן ס׳פּאַפּיר.

ס׳איז גוט צו פילן, ווען איך בלאָנקע
אין אַ פרעמדן לאַנד —
איבער ימים, קאָנטינענטן
שטרעקט ווער אוים אַ האַנט.

און בלאָנדזשעט אום, ווי איך פאַראייניזאַמט
מיט אַ האַרץ, וואָס בענקט
און קלייבט מתנות — שטערן שענסטע
פאַר מיר אַ געשענק....

### פרילינג

עס טרעפן מינוטן אין לעבן —
ווערסט מילד און צאַרט, ווי אַ קינד.
ביסט גרייט יעדנס עוולה פאַרגעבן,
מכפר זיין איטלעכנס זינד.

ביסט גרייט פרעמדע הענט צו זיך דריקן,
פאַרבייגייער אַ גרופּן פריינד;
ווילסט יעדן אַרומנעמען, קושן, —
אַזאַ אַ מינוט האָב איך היינט.

כ׳טראָג יעדן מיין שמייכל אַנטקעגן
און ס׳לייכטן מיר שמייכלען צוריק. —
די זון האָט פאַרפלייצט אַלע וועגן
און ס׳דוכט זיך מיר: דאָס איז דאָס גליק....

## וואָרט אויף מיר

אָ, וואַרט, אָ, וואַרט אויף מיר — כ׳וועל זיכער קומען,
עס איז די גרויסע וועלט מיר פרעמד און ענג
איך שרייב אַיעדע נאַכט אויף אַלע הימלען
פיבערדיקע בריוו צו דיר: איך בענק...

איך קריץ דאָרט אויס מיט אַלע העלסטע שטערן
דאָס שענסטע און דאָס צאַרטסטע ליבע־ליד,
און ווען דו וועסט דעם שאַרך פון אָוונט־ווינט דערהערן,
ווייס, דאָס ברענגט ער דיר אַ גרוס פון מיר.

אָ, וואַרט, אָ, וואַרט אויף מיר, כ׳וועל זיכער קומען,
מעג דער שטורעם מיך פאַרטראָגן ווי אַ זעמדל ווייט,
איך האָב אין שווערן וואונדער נאָך אין ערגעץ נישט געפונען
אַזאַ לויטערע ווי ס׳איז געווען דיין פרייד...

איך הער אין פיבערדיקע נעכט דיין נאָמען,
כ׳פיל ווי ס׳ברענט מיין גוף דיין גליענדיקע טרער,
אַיעדער שעפּטש פון ווינט — פאַר מיר איז אַ דערמאָנונג,
אין יעדן קלאַנג אַרום דיין בענקשאַפט־ליד כ׳דערהער...

אָ, וואַרט, אָ, וואַרט אויף מיר, כ׳וועל זיכער קומען,
ווי ס׳קומט נאָך לאַנגער בלאָנדזשעניש אַ קינד צוריק אַהיים,
און ברענגען כ׳וועל פון וויטקייט דיר די טייערסטע מתנה —
ליבע וואָס געהייליקט ס׳האָט די נויט אַליין.

* * * *

## פ ל י ט י ם

מיר לויפן און יאָגן דורך ימים און לענדער
און זוכן ס׳פאַרלוירענע גליק,
עס דוכט זיך אונז — ווער, שטרעק אויס די הענט נאָר
און האָסט עס שוין ווידער צוריק.

עס דוכט זיך — עס וואַרט נאָר מיר זאָלן דאָרט קומען —
איילן מיר גיכער צום ברעג,
מיר זוכן און קענען מער גאָרנישט געפינען
אויסער אויף וויטער דעם וועג.

מיר יאָגן זיך ווי נאָכן אייגענעם שאָטן
אין אַ פאַרכישופטן קרייז,
נאָך איידער מיר האָבן אויף אים אָנגעטראָטן
לויפט ער שוין ווידער פאָרויס...



עס רוט אויף די פאַלדן פון אונזערע בגדים
דער שטויב שוין פון האַלבער וועלט, —
דאָך טרייבט עס אונז ווייטער, ווי ס׳טרייבט אין אַ שטורעם
ציגיינער אָן אַ געצעלט.

מיר הערן אין נעכט ווי עס רופן אונז שיפן,
מיר הערן גערויש פונם ים.
מיר זענען ווי צווייגן וואָס ליגן פאַרשניטן
און בענקען נאָך אַלץ צו דעם שטאָם.

מיר לויפן און יאָגן דורך ימים און לענדער
און זוכן ס׳פאַרלוירענע גליק,
עס דוכט זיך אונז ווייטער, — שטרעק אויס די הענט נאָר, —
עס קומט שוין נישט קיינמאָל צוריק...

ש. טענענבוים

## אינקוויזיטאָר — צי מאַרטירער?

*** דערציילונג ***

עס איז שוין געווען אַרום דריי ביינאַכט—ווען איך האָב זיך געפונען אינם פיינעם צימער פון מיין פראַנצויזיש־צאַרטער פריינדין, אַרלען. עס איז געווען אַ ניו־יאָרקיש־פייכטע, נעפּלדיקע נאַכט, ווען מען קען שניידן דעם זילבער־טומאַן אין דער לופט, ווי מיט אַ קינזשאַל. ווי שפּינען האָבן זיך געראַנגלט די ביימער־צווייגן מיט דעם געדיכטן און רואיקן נעפּל. פייערן אין די פענצטער האָבן זיך איינציקווייז אויסגעלאָשן — ווי שטערן אין פרימאָרגנדיקן הימל. די פייערן פון די פענצטער — דאָס זיינען די ערדישע שטערן. און איך האָב אנגענעם פאַרבראַכט אין דעם צימער פון דער בלאָסער פראַנצויזישער פּאָעטעסע, מיט וועמען איך האָב גערעדט וועגן ליטעראַטור און מאָלעריי. פּאָעטן און מאלער זיינען אויפגעגאַנגען פאַר אונדז — בולט און רייך מיט קאָלירן, רייך אין דראַמע, אין אימאַזש. און בשעת מיר האָבן גערעדט האָב איך געקוקט אויף אַ בילד פון באַנאַר, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דריי עלעקטרישע בלומען, ווי דריי קליינע פלאַמען, אונפאַרלעשבאַר דורך די צייטן — אין וועלכע אַ וואַנזיניקער מאַרטירער־גאָט האָט זיין האַרצנבלוט אַריינגעטריפט. און ברענענדיק מיט גאָטס האַרצנבלוט — האָבן זיי געליטן. אין שמערץ און אין וואַנזין האָבן זייערע דינע, איידעלע בלעטער זיך געקאָרטשעט. איך האָב געהאַט מיטלייד מיט זיי. איך האָב זיי געוואָלט איינהילן אין ליבע.

אויף אַ וואַנט, דקאָרירט מיט שטיקלעך זייד און בודואַנישע מיניאַטור־קונסט־ווערק — און בלויע מיניאַטור־פאָרטרעטן פון מארקיזן אין גאָלד־ראַמען גערעמט — איז געהאנגען אַ בילד פון קאָראָ, פאַרשטעלנדיק אַ בלויען, רואיקן און שטילן שטראָם, וואָס שטראָמט אַריין אין דער קאָסמיש־בלויער אומענדלעכקייט; אַ מיסטישער שטראָם, וואָס רעפלעקטירט קלאָר ווי אַ שפיגל די אימאַזשן פון ביימער, פון נימפעם אין זוניקן און נאַסן ציטער — וואָס באַווייזן זיך אַמאָל אויף זיין ברעג, פון האָריקע און פאַרקרומטע פאונען מיט פייקלעך אין די הענט. און, איך אַליין האָב זיך געפילט ווי מיטטראָגנדיק זיך מיטן בלויען שטראָם, ווי אַן אָפגעריסענע פלאַנץ פון ברעג, וואָס זעגלט און ריזלט דורך אומבאַקאַנטע שטראָמען, רייסט זיך דורך הונדערט־טויזנט־יאָריק אַלטע פעלזן, באַקלעפטע מיט אינזעקטן פאַרביקע און טראָגט זיך סוף כל סוף אַריין אין דער אומענדלעכקייט, אין דעם ים׳ס ברייטן שוים.

און בשעת איך בין אַזוי געזעסן ביי מיין בלאַסער פריינדין אין צימער און באַטראַכט די בילדער און דעם גאַנצן פלאָר פון זייערע קיינמאָל נישט וויאַנענדיקע קאָלירן — קונסט ווערק וואָס מיין פריינדין האָט מיטגעבראַכט פון איר עלטערנס מיטלאַלטערלעכן שלאָס אין פראַנקרייך — און פון צייט צו צייט מיט די ליפן קוים־באַרירנדיק דעם שלאַנקען האַלדז אירן — האָט, דאַכט זיך, עמעץ אָנגעקלאַפט אין דער טיר. עס איז געווען אַ נישט־דרייסט קלאַפן, פונקט ווי אַ פויגל, פאו׳ס באַרימטער פויגל, וואָלט אין דער שפעטער נאַכט מיט זיין פליגל באַרירט די שווערע טיר. און צוליב דער נישט־דרייסטקייט פונם קלאַפן האָבן מיר דערצו נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט.

ארלענס צימער האָט זיך געפונען אין דער הויך, אויפן דריטן שטאָק, אין אַן אַלט הויז פון פאַרק עוועניו, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קאַטוילישע קירכע.

ווען מיר זיינען אַ שטונדע שפעטער אַרונטערגעגאַנגען, און ווען די דינע און ציטערנדיקע אַרלען האָט געעפנט די אַלטע, מיט דעקאָראַטיוון אייזן־באַשלאָגענע טיר — איז זי בליצשנעל אָפגעשפרונגען. אין דער אָפענער טיר, ווי אין אַן אַלטער ראַם, איז געווען איינגעראַמט אַ פאָרל, וואָס האָט זיך קעגנזייטיק געטוליעט, ווי צוויי נאַסע שוואַלבן נאָך אַ רעגן, און זיי האָבן עפעס געמורמלט. אַ דינער, אַ מאָגערער שפאַנישער בחור, פון אַ יאָר צוואַנציק, האָט געמורמלט וועגן אַ פריסטער...

מיך איז באַפאַלן אַ מיסטישע אומהיימלעכקייט. אין דער שפעטער נאַכט, שוין אין פורפורנעם און מאַלערישן באַגינען, ווען די אור־שאָטנס דערפילן דעם קריזיס פון זייער עקזיסטענץ און הויבן אָן צו צעפליען, זיך אויסצולעשן, ווי בלומען בונטע אין אַן אומגעוויינלעכן גאָרטן־קעניגרייך, פון סעמיראַמיסעס לופטיקע גערטנער־צויבערייען און טרוימערייען און חלומות — שטייט אַ שפאַנישער בחור און ער מורמלט עפעס ציטערנדיקס און אומבאַהאָלפנס... איך האָב געמיינט אַז עמעץ איז געשטאָרבן אין זיין פאַמיליע און אין דער אומהיימלעכער נאַכט, וואָס רינט מיט טוי און וואָס וועט זיך באַלד אָנפילן



מיט בראָנדז פון אויפגייענדיקן טאָג — רופט ער דעם גלח צום גוסס׳דיקן, צום אומגליקלעכן קרבן... און דער פחד פון טויט, פון דעם מורא׳דיקן טויט, וועמענס שוואַרצע פליגל ווייען פריי אין דעם באַגינען ווי מאַסטן פון אַ פיראַטן־שיף — האָט איבער מיר אומהיימלעך געווייעט... און איך האָב זיך אין דעם מאָמענט דערמאָנט אַ באַגינען מיט יאָרן צוריק... און פלוצלינג וועק איך זיך אויף אין מיין איינזאַם דאַך־שטיבל, אַזוי ווי דער בליי פון אַ מלאך׳ס פליגל וואָלט איבער מיר געפאַכעט... און דורכן פענצטער זע איך ווי אַ גלח גייט מיט דריי קליינע יינגלעך — אַלע אין ווייסן... און זיי טראָגן אין די בלייכע הענט בלייכע ליכט... און אַזוי פיל ציטער איז אין זייערע הענט און אַזוי פיל טרויער און תהלים און אומעט ווייעט איבער זייערע קעפ... און די בלייכע, מיידלש־בלייכע יינגלעך זיינען געווען געהילט אין דעם שטאַרבן פון אַ מאַן — אָדער אַ פרוי — וועמענס לעצטע מינוטן זיי האָבן באַלויכטן מיט אָט די ליכט — ווייזנדיק זיין נשמה דעם וועג דורך פינצטערע וואָלקנס אין דער ווייסער אייביקייט אַריין... און אַ פחד האָט מיך דאַן אַרומגענומען — ווי איצט...

אַביסל ווייטער, צו דער וואַנט צוגעדריקט, צו דער שווערער, מאַסיווער וואַנט צוגעטוליעט — איז איצט געשטאַנען אַ קליינע, יונגע פרוי, אַ שאָטנדיק־טונקעלע שפאַניערין. די האָר אויף איר קאָפ זיינען געווען פאַרפיומיק־פייכט און האָבן, ווי פייכטע און ווי פרילינגדיק־ציטערנדע בלומען מיט טוי גערונען. איר געזיכטס־אידעלע הויט האָט געהאַט אַ ברוינעם זייד־קאָליר, ווי פון רייפע פרוכטן, ווען די גראַוויטאַציע פון דער ערד ציט זיי צו מיט דער גאַנצער קראַפט און דער שפעט־זומער פאַרבט זיי אויף אַ ברוינעם קאָליר, וואָס פאַלט אַריין אין וואַרעמען בראָנדז. זי איז געווען איינזאַם און טרויעריק. טרויעריק פון דערוואַרטונג, פון שרעק; איינגאַנצן פאַסיוו, איינגאַנצן איבערגעגעבן איר גורל — איינגאַנצן דערוואַרטנדיק און כלה־ציטערנדיק. זי איז געווען אַ וואונדערלעך־ציטערנדע כלה — אַזוי ווי פון גאָיאַ׳ס אַ דיכטונג אַרויסגעריסן — און איבער איר האָט געפלאַטערט אַ בלויע טויב — אַ גרינע שוואַלב — אַ שוואַרצע ראָב — און איבער איר האָט געפלאַטערט אַ גילדערנע נאַכטיגאַל...

איך האָב פאַרשטאַנען אַז זי האָט אַ שייכות צום שפאַנישן בחור — און אַז נישט דער טויט איז איצט די סיבה פון זייער נאָכפרעגן זיך אויף אַ פריסטער...

מיין פריינדין אַרלען, אַ קוריעזע, אַ נייגעריקע, וואָס האָט ליב יעדעס פיצל לעבן צו באַנוצן פאַרן רוי־שטאָף פון אירע שטיקער פראָזע — האָט אין אַ גוטן און קלינגענדן שפאַניש אויסגעפרעגט דעם בחור. דער שפאַניער האָט אָנגענומען דאָס הויז, וואו ארלען האָט געוואוינט, פאַר אַ קירכע. ווען מיר האָבן אים אַ ווײַלע שפעטער צוגעפירט צום טויער פון אַן אַלט־שטיינערנער, קאַטוילישער קירכע, האָט ער אין איר אייזערנער טיר געקלאַפט. ער האָט געקלאַפט מיט זיינע נערוועזע הענט אין דער אַלט־אייזערנער טיר פון דער

קירכע, אין דעם קאַלטן אייזן פון דער קירכע, וואָס איז געווען אין דער ערד פאַראַנקערט ווי אַ מיטלאַלטערלעכע פעסטונג. אָבער עס איז שוין, ווי געזאָגט, געווען באַגינען. ווייזט אויס אַז דער גלח נעמט נישט אויף אַזוי שפּעט בייַנאַכט קיין באַזוכער. און בשעת ער האָט געקלאַפּט אין דער טיר — האָט מיין פריינדין, אַרלען, מיר דערציילט אַז ער זוכט דעם גלח כדי חתונה צו האָבן. ער קען נישט וואַרטן לענגער... און אַזוי ווי זיי זיינען רעליגיעזע מענטשן — קענען זיי נישט האָבן קיין פאַרקער אָן דעם גלח׳ס צושטימונג. און אין דער שפּעטער נאַכט — אין דעם זילבער־טומאַניקן באַגינען — איינזאַמע און פון פיבער־פאַרציטערטע, איינגעהילט אין די פליגל פון זייער גורל, איינגעהילט אין דעם גרויען נעפל — פון גורל געבונדן און געשאָלטן און געבענטשט — זוכן די צוויי שפּאַנישע חתן־כלה דעם גלח... — — — — — — —

ווען איך בין אַוועק פון מיין פריינדין, גייענדיק דורך דעם טוי־פייכטן צענטראַל־פּאַרק, וואו די ביימער זיינען געווען געהילט אין שטיקער בלויען און זילבער־חלום — האָב איך געטראַכט וועגן דער פּאַסירונג. איך האָב געזען ווי בידע, דאָס שפּאַנישע פּאָרל, זיינען אַוועק אין דער טונקלקייט — אויפגערייצטע, אַנטוישטע, אומגעדולדיקע און — מידע, אויסגעשעפּטע.

די ליידנשאַפט האָט זיי אויסגעמאַטערט. און הגם עס איז אַנוועזנד געווען די גאַנצע ערד מיט אירע ביימער, פלאַנצן און בלומען — און דער גאַנצער הימל מיט זיינע פּערל־בלייכע שטערן, מיט זיינע שטערבנדע שטערן — און אַלע פּאָעטישע זומערנאַכטס־טרוימערייען פון דער נאַכט — האָבן זיי נישט געהאַט גענוג עדות פאַר זייער חתונה... זיי האָבן זיך גענויטיקט אין דעם ערדישן גלח וואָס זאָל זיי דערלויבן זיך צו פאַראייניקן — און איך האָב געזען ווי די נאַכט איז גערונען אויף זיי מיט איר טוי, און ווי זיינע, דעם יינגן שפּאַניער׳ס אויגן האָבן געברענט, ווי ביים אורמענטש, ביים דזשאַנגלדיקן אורמאַן, ווען ער האָט אין דער דזשאַנגל־פינצטערניש דערזען די ווייטע, די פּאַסיווע און בלייכע, די איר גורל רואיק און געדולדיק־דערוואַרטנדיקע כלה — און ער האָט זי געגריפן אין זיינע מעכטיקע אָרעמס און זי צו זיך געדריקט און זי צו זיך געטוליעט. — און ווי אַלץ האָט אין דעם שפּאַניער געציטערט — דער שפּאַניער, וואָס איז אפשר אַן אור־אור־אייניקל פון אַ צינישן אינקוויזיטאָר, וואָס האָט בערדיקע, הילפלאָזע און פאַרצווייפלטע יידן געברענט אויף אויטאָ־דאַפעען...

און — פאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן ווען איך האָב אים אין דער נאַכט דערזען — אין דער נעפל־און־טוי־פייכטער נאַכט?... האָב איך אַמאָל, אַן אָנגעצונדענער ווי אַ שטורקאַץ, פון די פלאַמען פון מיין בלוטיק און קלעפּיק און הייס לייב אַרויס, געקוקט אויף זיין ציניש געזיכט, געזען אים מיט פילע הונדערטער יאָרן צוריק, נאָך איידער דער איינזאַמער גענועזער ייד קאָלאָמבוס האָט זיין טרויעריקן בליק געטונקען אין דעם ווירגינישן שוים פון די אַטלאַנטיק־כוואַליעס?...



אַ מאָמענט. אַ בליץ־אויפשיין. אַ ראַקעט פון נאַציאָנאַלע אור־געפילן. ווייל יעדער איז סוף־כל־סוף צוגעבונדן, צוגעקרייציקט און בלוטיק צוגענאָגלט צו דעם מאַרטירערישן און מיט טויזנט שניטן פון וווּנדן באַדעקטן אָרגאַניזם פון זיין פאָלק ווי צו אַ גרויסן פעלדזשטיין, פון וועלכן ער קען זיך קיינמאָל נישט אָפּרייסן, נישט אָפּזונדערן. ווי דער מושעל, וואָס רוישט און יאָמערט מיטן געזאַנג און מיטן כאָר פון דעם אָקעאַנס טיפענישן — אַזוי זינגט עס אין יעדן מיטן אָרקעסטער פון זיין פאָלק. און יעדעס פאָלק קלינגט און שאַלט מיטן אָרקעסטער פון דער וועלט, פון דער אוראַלטער מענטשהייט, וואָס איז אַמאָל געווען איין משפּחה, איין פּאָרל — אדם און חוה...

און — אַ צווייטער געדאַנק האָט אויפגעבליצט: אפשר זיינען זיי די אור־אייניקלעך פון אונדזערע מאַרטירער־אנוסים? אפשר פליסט אין זייערע בלוט־געפעסן דאָס בלוט פון זכריה און ירמיהו הנביא און פון דוד המלך און פון שמשון הגבור?... האָבן זיי אין דער נאַכט נישט געלויכטן מיט אַ מאָדנעם ליכט, דעם צעפלאַקערטן ליכט פון שייטערס. האָבן זיי נישט פאַרראַטן אין זייער נערוועזיטעט — יידישן אומרו, דעם אומרו פון די נביאים... און איך האָב געהאַט אַ געפיל צוריקצולויפן און זיי אומצואַרמען — אין דער אונהיימלעכער נאַכט — אין דעם זילבער־מיט־חלב־פון־טומאַן־טריפנדיקן באַגינען — די אור־אור־אייניקלעך פון אברהם, יצחק ויעקב — די אור־אייניקלעך פון שרה, רבקה ורחל און לאה... — — — — — — — —

דער באַגינען האָט זיך איצט ברייטער געעפנט ווי אַן אָפּעראַ־דעקאָראַציע — וואָס אין אָנפאַנג טונקעל און נאַכטיק — ווערט זי ליכטיקער — אויפלייכטנדיק און אָפּדעקנדיק קלאָרער די קאָנטורן. די זון האָט — ווי אַ געניטער מייסטער — געמאָלן אויפן נאַכטיקן הימל רויטע רויזן, פון אומגעהויערער שיינקייט, וועמענס בליצאַרטיק וואַקסן און שפּראָצן מען האָט דייטלעך געקענט נאָכפאָלגן...

און די בלומען — עלעקטרישע — פון דער פּרעכטיקער מאַלעריי פון באָנאַר, זיינען פאַר מיר אויפגעגאַנגען, אַזוי ווי לויכטענדע מלאכים־פנימער. אַזוי ווי רובינען וואָס לייכטן אַרויס פון דעם גרונט פון ים — דורך די ציטערדיקע כוואַליעס ציטערדיק־צעלויכטן. און דאָס מאָדנע פּאָרל, ווי זיי זוכן זייער גליק, ווי זיי טרעטן דורשטיקע און פיבערדיקע אויף דער ערד — דער אייביקער אדם און די אייביקע חוה — און פאַרפיום פייכט, מיט אַ מידע רויז אין אירע פאַרפיומיקע, לויזע לאָקן...

דאָס לעבן פון דער שטאָט האָט זיך אויפגעבראָכן, ווי עס וואָלט אַנטצויבערט געוואָרן פון זיין צויבערהאַפטן, שטיינערנעם שלאָף און עס וואָלט אויפגעבראָכן — פּראָזאיש, ווילד, ווי אַ ים מיט זיינע אומרואיקע כוואַליעס און אַלץ איז געוואָרן פון מוזיק — און אַלץ איז געוואָרן — באַוועגונג, ריטם, אַקציע, טאַט...

און צוזאַמען מיט די שפּינוועבסטיקע שאָטנס פון דער פליושענער נאַכט האָבן זיך פון מיין געהירן אויסגעוועפּט די צוויי פיגורן פון די שפּאַנישע ליבע־

דורשטיקע, רעליגיעזע קינדער — קינדער פון אינקוויזיטאָרן מיט דעמאָניש־בלעכענע מאַסקעס — אָדער פון יידן־מאַרטירער, מיט ברענענדע בערד — איינגעהילט אין פלאַמען — פון וועלכע עס רייסן זיך אַרויס זייערע סאמעטענע נשמות — געבונדן מיט שטיקלעך תהלים פון אַלטן קעניגס־תהלים...

און די זון — זי האָט איצט געלויכטן ווי אַ ריזן-רויז — אויפן לאַץ פון הימל — אין דער פעלערינע פון גאָט...

1943 ניו־יאָרק סעפּטעמבער

## ש. זאלקין

## אין מאמענטן

עס קוועלט זיך, עס קלעמט ווו, עס גיסן זיך טרערן,
עס וויינט זיך, איך ווייס ניט פאַרוואָס.
אין אַלע וועלט טיילן עס לאָזן זיך הערן
די זיפצן פון טיפן פאַרדראָס.

ווער דריקט דאָס; וואָס וויינט זיך, איך קאָן דיר ניט זאָגן,
נו, פרעג מיך ניט, לאָז מיך צורו.
פרעג בעסער די בלייענע וואָלקנס וואָס יאָגן,
מיט בייזקייט אין ערגעץ אַוו.

זיי ווייסן, זיי האָבן פאַרמירט זיך פון טרערן,
פון טויעזטער שטעט מיט אַמאָל,
אין קראַכענדען דונער אַ קרעכץ מען קאָן הערן
ב׳כליפענדיק יאָמערליך קול.


„אין זכות פון די טעג" 3/6
„אין חדר אריין" 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי




## לעא קעניג

## זשורנאליסטישע אפאלאגעטיק

אין מיין אַרטיקעל וועגן זשאַן ריטשאַרד בלאָך האָב איך באַרירט די פראַגע פון אפאלאגעטיקס און געפּרובט דערקלערן פאַר וואָס יידישע שרייבער אויף יידישע טעמעס אין ניט יידישע שפראַכן מוזן, ווען אַפילו ניט־ווילענדיק, ווערן אפאלאגעטיש: פאַר פרעמדע לעזער איז אַפילו אמת באַגאַבטע קינסטלער און שריפטשטעלער פיל שווערער צו זאָגן און ווייזן דעם לעבן פון זייער פאָלק, זייער אייגן לעבן, ווי זיי זעען עס ווי פאַר אייגענע לע־זער און אין דער אייגענער שפראַך. און אַז דער נסיון צופוצן, פאַרשענערן אָדער פאַרשווייגן געוויסע זייטן פון מאָטיוון שטייט אין וועג ניט נאָר פון די שריפטשטעלער וואָס באַלאַנגן צו אַ פאַרפאָלגט פאָלק ווי דאָס יידישע, נור ביי וועלכע נאַציאָנאַלע קינסטלער וואָלטן געמוזט ווערן אפאלאגעטישער און ראָמאַנטישער ווען זיי שרייבן אין פרעמדע שפראַכן און פאַר פרעמדע אויגן.. און אַז דאָסטאָיעווסקי צי דיקענס צי סיי וועלכע אַנדערע גרויסע נאַציאָנאַלע קינסטלער וואָלטן ניט געווען אַזוי אמת׳דיק רעאַליסטיש און זעלבסט קריטיש ווען זיי שרייבן סרוב פאַר פרעמדע לעזער.

און די גרויסע שעפערישקייט פון פאָלקס שפראַכן, האָב איך געזאָגט, באַשטייט אין דעם וואָס אין זיי זאָגט זיך גרינגער און אינטימער דער אמת.

און אויב „אַפּאָלאָגעטיק" איז אַן אמתע געפאַר און שטרויכלונג אפילו פאַר דעם שעפערישן שרייבער אין אַ פרעמדער שפראַך — טאָ וואָס פאַראַ עפעקט קען עס האָבן אויף דער יידישער זשורנאַליסטיק אין ענגליש אָדער אין אַנדערע ניט יידישע שפראַכן?

איך מיין אַז ס׳איז מער ווי כדאי און צייטיק וועגן דעם איצט אַ שמועס טון. איך מוז גלייך זאָגן אַז איך האָב אין דער אמת׳ן גאָרניט ליב דעם רוב ענגליש־יידישע צייט שריפטן און פעריאָדישע אויסגאַבן, וועלכע האָבן זיך לעצטנס אַזוי שטאַרק פאַרמערט באַזונדער אין אַמעריקא.

און ניט דערפאַר ווייל איך בין אַ יידישער שרייבער און זשורנאַליסט און דער וואוקס פון אַ ענגליש יידישער פרעסע פאַלט אויס צוזאַמען מיט דער ירידה פון יידיש, און איז אויך אַ סימפּטאָם פון דער ירידה...

ניט ווייל איך בין אַ יידישיסט אָדער יידישער נאַציאָנאַליסט האַלט איך ניט אַזוי פון אַ פרעמד־שפראַכיקן „יידישן זשורנאַליזם", נור איך וועל אייך זאָגן דעם אמת אַז זייער אָפט גלויב איך אינגאַנצן ניט אַז ס׳איז בכלל נויטיק אַ ענגליש־יידישע פרעסע אין אַמעריקא, אין ענגלאַנד צי ערגעץ אַנדערש און אין סיי וועלכער ניט־יידישער שפראַך?

אַסך מאָל פרעג איך זיך: נאָך וואָס דאַרפן מיר, צי אַנדערע לעזער אָט די צענדליקער און הונדערטער אפשר פאַרשידענע ספעציפיש יידישע אויסגאַבן אין ענגליש צי אין אַנדערע ניט־יידישע שפראַכן?

נאָך וואָס דאַרף מען זיי אָט די פאַרשידענע „דזשואיש מענסארס" און „דזשואיש וואיסעס" (איך מיין פאַרשטייט זיך קיינע באַזונדער פון די חשובע יידישע אויסגאַבן און די נעמען זיינען צופעליק און „פיקטישיוס")? וועמען העלפן זיי? וואָס זאָגן זיי? איז ניט זשורנאַליסטישע אפאלאגעטיק נאָך ערגער און אפשר שעדליכער פון דער קינסטלערישער און פסעוודא קינסטלערישער אפאלאגעטיק?

אַסך מאָל האָב איך דעם איינדרוק — איך וויל האָפן אַז איך אַליין האָב אַזאַ איינדרוק — אַז דער רוב פון די ספּעציפיש־יידישע פרעמד שפּראַכיקע אויסגאַבן טוען דאָס אייגענע כמעט וואָס די ספּעציעל אַנטיסעמיטישע אויסגאַבן (פאַרשטייט זיך ניט ווילענדיק און באַקעמפנדיק דעם אַנטיסעמיטיזם.): זיי זוכן צופיל יידן, זיי זעען צופיל יידן און יידישקייט אַפילו דאָרט וואו יידן צייכנען זיך ניט איבעריק אינטערעסאַנט אויס, און אַפילו אין פראַגן — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע — אין וועלכע עס איז כמעט אונמעגליך צו געפינען אַ ספּעציעל „יידישן שטאַנדפּונקט". און אַזוי ווי דורכשניט־זשורנאַליזם איז ניט אויף אַ איבעריק הויכער ניוואָ — געפינען מיר טאַקע אין די פאַרשידענע יידישע אויסגאַבן די געוויסע „פיטשורס" און „סטאָריס" פון פערזענליכקייטן — ס׳רוב מיטלמעסיקע קינסטלער, מוזיקער און פּראָווינציעלע געלערנטע און רביס — וועלכע זיינען גאַנץ נוצליכע בירגער אויף זייערע פאַרשידענע געביטן, אָבער ווערן אַביסל קאַריקאַטורעל, קען מען אפשר זאָגן, ווען מען אַדווערטייזט זיי ניט פּראָפּאָרציאָנעל און נור דערפאַר ווייל מיר ווילן ווייזן דער וועלט אונדזערע ניט־יידישע שכנים און מיטבירגער „וואָס פאַראַ לייטישע און קולטורעלע מענטשן מיר זיינען און וואָס פאַראַ טאַלאַנטפול פאָלק מיר זיינען"...

און אַזוי ווי דער רב פון די פרעמד־שפּראַכיקע יידישע אויסגאַבן זיינען שוין צוליב אָנגעוויזענע אפאלאגעטישע טענדענצן און שטרויכלונגען, ניט צו גייציג צו רעדן וועגן די שאָטענדיקע זייטן און כאַראַקטעריסטיקס פונם יידישן לעבן (אויך דערפאַר ווייל דאָס טוען שוין צו גערן ניט נור די אַנטיסעמיטישע נור אַ גרויסער טייל פון דער ניט יידישער פרעסע בכלל, וועלכע צושמירט פּראָמינענט דעם יידישן נאָמען אין שייכות מיט ניט שיינע אַפערן...) באַקומט זיך טאַקע דער איינדרוק אַז די יידישע אָרגאַנען רעדן צופיל פון זיך, באַרימען זיך צופיל מיט זייערע טאַלאַנטן און זשעניען מיט וועלכע אַלע געביטן פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן לעבן זיינען יאַקבי איבער פול...

און אין סך הכול קען זיך אפשר טאַקע באַקומען דער איינדרוק אַז די ענגליש צי אַנדער שפּראַכיקע יידישע אָרגאַנען אַדווערטייזן אַנטיסעמיטיזם, און העלפן אים נאָך צו, באַקעמפנדיק אים.

ס׳איז אַ פאַקט אַז אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַכיקע פרעסע — יידישע און העברעאישע — האָט ביז לעצטנס אָן אַן ערך וועניקער גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם און פיל וועניקער זיך באַרימט מיט די „גרויסע מענטשן"



(ס׳רוב נאַטירלעך, גאָרניט אַזעלכע גרויסע) וואָס מיר האָבן דער וועלט געגעבן, ווי אין די פרעמד שפּראַכיקע יידישע אָרגאַנען... און פשוט און נאַטירלעך דערפאַר, ווייל מיר האָבן געהאַט פיל וויכטיקערע אינערליכע און קאָנסטרוקטיווע פראַגן צו באַהאַנדלען, און אין אַ אייגענער שפּראַך, צווישן אייגענע, ווי שוין עטליכע מאָל געזאָגט, איז נאַטירלעך גרינגער צו זיין זעלבסט קריטיש... אונדזער נאַציאָנאַלע ליטעראַטור ווי אונדזער נאַציאָנאַלע פרעסע איז געווען צו גרינטלעך און מקרדיק באַשעפטיקט מיט פראַגן פון אינערליכער איבערבויאונג (פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן און אַנשויאונגען); און הויפּטזאַכליך דערפאַר ווייל מיר האָבן געגלויבט, און גלויבן נאָך עד היום, אַז קאָנסטרוקטיווע אַרבעט וואָס איז געבויט אויף זעלבסט קריטיק איז פיל געזונטער און צוועקמעסיקער ווי די קינסטלערישע און זשורנאַליסטישע אפאלאגעטיק, וועלכע אַדווערטייזט נור טראַגיש און ניט ווילענדיק אַנטיסעמיטיזם.

---

דאַרף מען ניט באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם? — וועט מען פרעגן; געוויס מוז מען באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם, אָבער דאָס איז דאָך דער חוב פון אַלע ראַציאָנאַלע און קולטורעלע בירגער פונם לאַנד, פון אַלע לענדער און מיט סעפּאַראַטיסטישע אָרגאַנען, וועלכע צייכנען זיך אויס, ווילענדיק און ניט ווילענדיק, הויפּטזאַכליך מיט אַ ניט איבעריק קולטורעלער אפאלאגעטיק, ווייסן מיר פון ביטערער דערפאַרונג קען מען ניט באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם. דער בעסטער און געזונטסטער מיטל געגן אַנטיסעמיטיזם איז קאָנסטרוקטיווע אַרבעט וואָס איז געבויט אויף זעלבסט קריטיק... און זעלבסט קריטיק אין פרעמדע שפּראַכן, און באַזונדער אין אַזאַ אַנטיסעמיטיש קראַנקער צייט ווי אונדזערע איז נאָך אַלץ, איז גאָרניט אַזוי גרינג.

ס׳איז נאַטירלעך מיר זאָלן האָבן פאַרשידענע פאַרטיי אָרגאַנען אין ניט יידישע שפּראַכן, וועלכע זוכן צו פּראָפּאַגירן זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן צווישן די מאַסן יידן וואָס לייענען שוין ניט אונדזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, כאָטש ס׳איז אין אַ געוויסער מאָס סתירה פאַר נאַציאָנאַלע אָרגאַנען צו אַפּעלירן צו די מאַסן וועלכע זיינען אויפן וועג פון אַסימילאַציע און פאַרשטיין ניט די שפּראַך פון פאָלק.

ס׳איז אויך נאַטירלעך די יידן וואָס פילן זיך פאַראייניקט הויפּטזאַכליך, אָדער נ ו ר ווי אַ רעליגיעזע געמיינדשאַפט, זאָלן האָבן די אָרגאַנען וואָס זאָלן דינען זייערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן. און צי מיר שטימען איין מיט זיי צי ניין, קענען מיר פאַרשטיין די פאַרשידענע אַקאַדעמישע היסטאָרישע און פילאָ־טעאָ־סאָפישע אָרגאַנען, וואָס געבן זיך אָפּ מיט פאָרשונג פון יידישער געשיכטע, רעליגיע און יודאיזם, בכלל... (וויסנשאַפטליכע פאָרשונג איז ניט אַזוי געבונדן דורך נאַציאָנאַלע שפּראַכן).

אָבער איך מוז זיך מודה זיין אַז איך פאַרשטיי ניט די פרעמד שפּראַכיקע יידישע אויסגאַבן וועלכע רעדן פון פאַרשפּרייטן אָדער פאַרשטאַרקן

„„ייִדישקייט“ און „ייִדישע קולטור“: איך ווייס ניט וואָס איז אַזוינס און צי מען קען דעפינירן „ייִדישע קולטור“ און צי מען קען דעפינירן „טהע בריטיש אָדער אַמעריקן ווײַ אָף לײַף“ פון וועלכע מען רעדט לעצטנס אַזוי פיל... איך האַלט ניט מיט די ציוניסטן ווען זיי זאָגן אַז ייִדן האָבן קיין צוקונפט ניט אויסער פּאַלעסטינע; איך גלויב אָבער ניט אין אַ צוקונפט פון אַ ייִדישע קולטור, פון אַ „דזשואיש ווײַ אָף לײַף“ אין פרעמדע שפּראַכן און צווישן רײַכערע מערהייט־קולטורן. קולטור איז ניט סטאַטיש נור דינאַמיש וועלכע בייט זיך און אַנטוויקעלט זיך נאָרמאַל נור אין אייגענע שפּראַכן און מער ווייניקער האָמאָגענישע צענטרן — די נאַציאָנאַלע לאַבאָראַטאָריעס פון אוניווערסאַלן אַלמענטשליכן שאַפן. ניט קוקנדיק אויף דעם איצטיקן וואוקס פון אַ פרעמדשפּראַכיקער ייִדישער פּרעסע, גלויב איך ניט אין איר צוקונפט. זי איז אַ צײַטווײַליקער פּראָדוקט פון אַ איבערגאַנג־עפּאָכע. די פרעמד שפּראַכיקע ייִדישע פּרעסע איז אַ „פּאַפּירענע בריק“ וועלכע וועט צוריק פירן אַ טייל פון אונדזער פאָלק צוריק צו אונדזערע פאָלקס שפּראַכן ווען זיי וועלן געפינען זייער „היים“; און אַ טייל צו אַ פולער, גאַנצער און ניט צוטיילבאַרער בירגערשאַפט אין זייערע וואוין און געבורטס לענדער.

אילוסטרירטער
טעאַטער שפּיגל

חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז“ (בית־עם) און פון ניי־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן.
אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער: 1 שילינג
אדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone : — BIS 1320.

„די צייט“
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)



משה עובד

## שאַך - מאַט

ווילסטו דאָס אמתע אידעלע לערנען קענען,
די מעלות און חסרונות פון דער באַרימטער בריה,
וואָס מיט אים קלינגען אַלע צינגער פון אַלע לענדער?
טאָ גיי צו זיין שאַך ברעטעלע! זיין אימפּעריע.
דאָרט מער ווי ביים חזן׳ס עמוד און ביים מתמידס שטענדער
וועסטו הערן זיינע זמרלעך און נגינות,
— זען זיינע העויות און מינעס.

ביי די אומות־העולם איז ס׳שפּיל דער ציל,
מיטן באַזינגטן רייצט זיך ניט דער זיגער,
משפּילט, אויב ניט קאַלט, איז לכל הפּחות קיל,
כמו שכתוב: ווי אַ שעפּעלע מיט אַ טיגער. . . .

אָבער ביי אונזערע יידעלעך,
איז דער עיקר די שטעכווערטלעך און זידעלעך,
עס איז ניט אַ שוואַרץ־ווייס ברעטעלע סתם־גלאַט,
מיט צוויי אונדרייסיק פיגורעלעך פאַר מאַט און פּאַט,
ניין, עס איז אַ שווערע מסכתא, מיט צוויי מאָל ל״ב פּרושים,
וואו מפּילפּולט, מבימבאָמט און מ׳איז מחדש חדושים.

* * *

ס׳זיצט אַ יידעלע מיט אַ שפּיציג, שוואַרץ בערדעלע,
הייסן הייסט ער על פּי רוב ר׳ בערעלע,
און האַלטן האַלט ער אָן אַ קאָפּ אַ פערדעלע. . . .
ווילן וויל ער דאָמיט לויפן, ס׳פעלד איז ווי לאַנג ברייט,
נאָר וויסן ווייס ער ניט, אויף וואָס פאַר אַ זייט.

ווי־זאָ־ווי זיצט אַ ווייסער אַלטער ייד,
ער הייסט מסתמא ר׳ ברוך, ער שרייט און ווערט ניט מיד:
„נו לאָמיך שוין זען אַ גאַנג!
נו, גיי שוין אַהין אָדער אַהער!
ווי לאַנג איז דער שיער קלערן, ווי לאַנג?

קוים וואָס ער רירט זיך דער בער!
טראַכט און מאַכט ר׳ בערעלע:
„וואָס אײַלט איר זיך אַזוי ר׳ ברוך?
אַ ייד מוז דאָך געבן אַ קלערעלע,
איך קען דאָך ניט פליען סתם אין פייער.

מאַכט ר׳ ברוך:
„דיין קלערן איז נישט ווערט קיין דרייער!
ביסט שוין מאַט! קענסט שוין אויסשטעלן אַ נייעם
ס׳וועט דיר שוין גאָרנישט העלפן! שריי חי וקים!
ענטפערן ר׳ בערעלעם לאַכנדיקע ציין,
ווי ברייוועלעך פון אַ ברייוו־קאַסטן:
און אַז איך פאַרשפּיל אַ פּאַרטי, וועל איך פאַסטן?!"

„נישקשה, נישקשה! דאָס וועט מען ערשט זען,
און ר׳ בערעלע קראַצט זיך אונטערן בערדעלע,
און זינגט מיט אַ גמרא ניגון:
„ס׳איז דאָך אַ פּראָסטער קל־וחומר,
מה דאָך אַז איך גיי אַזוי, גייט ער אַזוי,
אַז איך וועל גיין אַזוי וועט ער דאָך אודאי גיין אַזוי,
אוי ס׳איז שלעכט, נאָר כ׳ווייס ניט פאַר וועמען,
מילא פאַרשפּילן איז פאַרשפּילן
וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?!"

ווי אַ לעגענדאַרער העלד
פון אַ לעגענדאַרער וועלט,
הייבט ער אויף מיט איין האַנט, אַ גאַנצן טורעם,
גיט אים אַ שטעל אַוועק ראַפּטום,
אין פיר און זעכציק מדינות ווערט אַ שטורעם,
ס׳צאַפּלען צוויי אַרמייען אויף איין טיש,
און די זעלנערלעך ציטערן ווי פיש,
און עה פרעגט זיין אָפּאָנענט,
מיט אַלע רמ"ח אברים דורך צוויי אויסגעשטרעקטע הענט,
וואָס זאָגט איר ניט דאַצו, האַ?"

מאַכט ר׳ ברוך: „אָוואַ! אָוואַ!
ביסט דאָך גאָר עפּעס אַ גאַנצער טשעמפּיאָן!
אַלעם הייסט אַ טשעמפּיאָן! רחמנא לצלן!
און אַז איך וועל דיך אַזוי פרעגן מיט מיין זקן מלכהניו,
וואו אַהין וועט דיין פלונית׳טע גיין פון דאָ?"
און ר׳ ברוך מאַכט מיט הענטעלעך איידעלע
דעם געלונגענעם גאַנג,
און גליטשט זיך אַריין ווי אַ זיידן זיידעלע
אין אַ געשמאַק געזאַנג.



„בים, בים באָם! איי, איי, איי,
בים, בים באָם! איי, איי, איי,
נו מאַך שוין אַ גאַנג! נו גיי שוין גיי!
נעבעך אַ מלכהלע פאַרלוירן ואיננו!
נישטאָ! ווי דער פאַריאָריקער שניי,
נו, בערעלע מאַך שוין אַ צוג,
עס וועט דאָך באַלד ווערן טאָג!"

טענה׳ט ר׳ בערעלע אין גאַנצן צעטראָגן,
דערזעענדיק זיין מלך אָן אַלמן קלאָגן:
„אַ מלכה טאָר מען ניט אַזוי שלאָגן,
אַ מלכה מוז מען ערשט אָנזאָגן."

שפּאַסט ר׳ ברוך: „קוקט נאָר אָן מיין קאַבעבלאַנקע!
אפשר דיך אָנזאָגן אַ זעלנערל אויך!
געוואַלד! ווי נעמט מען צו דעם יידן כוח?"
ר׳ ברוך לאַכט, און ס׳לאַכט מיט אים מיט
מיטן גרעסטן אַפּעטיט,
דער באַבאָרטער בויך.

* * *

דאָס יידילע וואָס לאָקערט איבער זייביידן
איז דער דורכשניטלעכער קיבעצער ניט צו דערליידן,
האָבן האָט ער אַ געל בערדעלע, פאַרשווירן נייטראַל....
און רעדן רעדט ער דייטשמעריש: „דאַס" „איינעגאַל",
ער קוקט צו און קען זיך שוין לענגער ניט איינהאַלטן
זיין אומגעדולד מוז שוין זיין מויל שפּאַלטן:
„ר׳ ברוך וואָס האַבען זי אַנגסט, וואַס?
נעמען זי ניכט די קעניגין,
עס איז איבערהויפּט ניכט ווערט,
פרעגען זי בעסער שאַך מיטן פערד,
און נעמען זי אים דאַס שטיקכען דאַס,
אַ שטיקכען ווי דאַס,
געפינט מען ניכט אין גאַס."

שרייט ר׳ בערעלע ווי אַ גזלן אין וואַלד,
אַ גוואַלדאָוונעם גוואַלד:
„דו געמיינער שוויין,

וואָס מישטו זיך אריין ?"
פאַרענטפערט זיך דער געלער :
„איך קען ניכט צוזען ווי אַ יודע מאַכט אַ פעהלער."

„געלער גאָרן !
וואָס ווילסטו נאָך פון מיינע פינסטערע יאָרן ?"
— בעט זיך ר' בערעלע מיט אַ געבעטעלע —
„וואָס מישטו זיך אריין סתם־גלאַט ?
ווילסטו שפּילן ? גוט !
ברענג אַהער נאָך אַ ברעטעלע
קריגסטו אויך אַ מאַט".

ווערט שוין דער קיבעצער בייז :
„איך קען ניכט צוזעהן ווי אַ יודע מאַכט אַ גרייז,
וואָס איז מיין הערצען אַ שטיק איים ?
עס שטייט דאָך אין דער הייליקער טאָרא
עזוב תעזוב עמו."

מאַכט ר' בערעלע : „ע ! ס'איז נישט ווערט קיין פלוי !"

שיסט דער געלער אַרויס ווי קוואַס :
„ניכט שיין ר' בערעלע, איינענגאַהל,
אַ יודע רעדט ניכט זוי וואַס,
ניין, ניכט קיינמאַהל."

מאַכט ר' בערעלע געוואַלדן :
„וועמען לערענסטו דרך ארץ ?
דו טריפהנער דייטש ! דו מחללשבתניק ! דו שרץ !
גייסט נישט אַוועק פאַסקודניאַק,
קריגסטו פון מיר אַ קנאַק אין באַק !"

מישט זיך, למען השלום, אַריין ר' ברוך,
„אדרבא ! ווייז מיר ר' בערעלע,
דעם דין אין שולחן ערוך,
זאָג מיר נאַ פשיקלאַד, וואו למשל שטייט,
אַז ווען אַ ייד, זעט אַן אונגערעכטיקייט,
זאָל ער זיך ס'מויל אָפּווישן,
און זיך נישט אַריינמישן ?"



באַרואיקט זיך אַביסעלע ר' בערעלע,
דרייט מיט צוויי פינגער פון זיין שפּיץ בערדעלע איין הערעלע,
שאָקלט זיך ווי איבער אַ בלאַט גמרא און זינגט צו :
„ממה נפשך ! זאָל איך גיין אַזוי, גייט ער דאָך אַזוי,
אוי וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, ס'איז דאָך גרויסע צרות,
ס'גאַנצע עסק טויג דאָך אויף כפרות,
טאָ, ווי גייט מען ? ווי גייט מען ? אוי ווי גייט מען ?
אוי טאַטעניו ! טאַטעניו !
ווי גיט מען אים אַ מאַטעניו ?"
ער קוועטשט די אויגן און קנייטשט דעם שטערן,
ווי איבער אַ האַרבן מרש"א, אַ תוספות אַ שווערן.

דער געלער נויטראַלער קיבעצער ער איצט דערזעט,
פאַר ר' בערעלען אַ טייערן אויסוועג,
וואָס מוז ר' ברוך'ן קאַטעווען,
און ר' בערעלען ראַטעווען.

כאַפּט ער ווי להבדיל אַ פּסוק פון תנ"ך,
אַ טורעם וואָס שטייט אויף דער וואַך,
שטעלט אים אַוועק און פרעגט „שאַך !"
און קיין הילף פאַרן מלך איז ניטאָ, אַן עק !
און ר' ברוך'ס לעצטע שוואַרצע האָר,
ווערט ווייס פון שרעק.

שליידערט ר' ברוך אַ כעס'גען בליק,
אויף דעם פושע ישראל, דעם קיבעצניק,
און ר' בערעלעס האַרץ פון תענוג הייצט זיך,
און זיין צינגעלע פלאַקערט און רייצט זיך,
„ר' ברוך'שע ר' ברוך,
ווי איז איצט דער דין אין שולחן ערוך ?"

„וואָס טויגן דיינע נאַרישע רייד ? עי !"
— מאַכט ר' ברוך — „אַז דו שפּילסט נישט פיאַסדישע !
אַז יעדער גאַנג נעמט דיר שעהן,
טויזנט שטיקלעך רירסטו אָן,
נו, באַלמוטשע נישט, גיי שוין גיי !
און ברענג דריי גלעזלעך טיי".

לויפט אויף פיסעלעך, שנעל ר׳ בערעלע,
ווי א פריזירער שערעלע,
איינס צוויי און ס׳איז דאָ דריי גלעזלעך טיי,
אַלע היים ווי די גרעסטע היצן,
און מ׳שיכורט פון טאַצן,
מ׳בייסט צו וויצן,
אַזש זייטן פּלאַצן.

צום סוף, שטעלן זיך אַלע דריי בגליפון אויף,
מ׳פלעכט זיך אין א קאָלעגיאַל קרענצעלע,
און מ׳טאַנצט אַ מצוה־טענצעלע.

---

## נחום שטענצל

### זיי מיינען אלע די קניידלעך...

(אַ פעליעטאָן)

„די „יונאַ" אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פאַר פאַלעסטי־נאַ האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט" — פון דער פרעסע.

וואָס פאַר אַ ישועה קען שוין אַרויסקומען פאַר דער מענטשהייט פון די אַלע שפיציקע און קיילעכדיקע טישן, אַרום וועלכע עס זיצן די חכמים און רשעים, „תמ׳עוואַטע" און „שאינו יודע לשאולס" פון די פעלקער, וואָס האַלטן אין איין זאָגן די הגדה — אַז מיינען, מיינען זיי אַלע די „קניידלעך".

ווי פלייסיק זיי זאָגן דאָס די הגדה; יעדער וויל איבערשרייען איינער דעם אַנדערן; יעדער געפינט אויס אַנ׳אַנדערן פירוש אויפן פסוק — און בשעת־מעשה כאַפּן זיי אַלע, בגניבה, אַ בליק אין דער זייט, צום יאכל, ווו עס ליגן די קיילעכדיקע קניידלעך — אַז עס כאַפּט זיי אַלעמען די יוכע...

* * * *

נישט בחינם ווילן די גויים נישט צולאָזן דעם ייד צום פסוק — מען ווייזט אים בלויז אַ פסוק מיט אַ שטעקן; ווייל, אַז מ׳וועט אים צולאָזן צום טיש און אַריינעמען אין דער משפחה, קען דעם יידן אַמאָל איינפאַלן צו גע־מען זאָגן די הגדה גאָרנישט אויף קיין קאַטאָוועס, און זאָגן און זאָגן „עד הגיע זמן של שחרית" — ביז עס וועט אָנקומען דער ליכטיקער מאָרגן — אַז מ׳קען סוף כל סוף פאַרשפּאָרן בכלל עסן די „קניידלעך"; ער קען נאָך אַריינפאַלן אין אַזאַ התפעלות, זיך צוצעלאָזן, איידער וואָס ווען, מיטן שיר השירים... און פאַרגעסן אין דעם סאַמע וויכטיקסטן...

דאָס איז נישט קיין סחורה פאַר די אומות־העולם; זיי האָבן ליב זיך משמח צו זיין אויף גאָר אַנ׳אַנדערן אופן, און מיט יידישע ארבע כוסות לאָזן זיי זיך נישט אָפּקויפן...

* * * *



שטייט ער דערווייל, דער ייד, ביי דער טיר פון דער „יונאַ" און קלאַפּט מיט זיין וואַנדער־שטעקן מ׳זאָל אים אַריינלאָזן; ער וואָלט געווען אַפילו צופרידן מ׳זאָל אים זעצן ביים סאַמע עק פון טיש — אַבי נאָר אינעווייניק, ער זאָל דאָרט קענען לאָזן הערן זיין שטים, דעם „הקול קול יעקב".

אָבער, אָט דאָס איז עס דאָך פאַר וועלכן די גויים, מיט זייער שלעכטן געוויסן שרעקן זיך אַזוי, דער קול יעקב, וועלכע פלעגט אַמאָל אָנפולן די גע־צעלטן פון שם, די מאָנענדיקע שטימע וואָס רעדט צום געוויסן — פאַר דעם ציטערן זיי די גויים אימת־המוות; זיי האָבן מורא אַז דער ייד קען זיי נאָך אָפּקוילענען מיטן שם־המפורש — אָן צו געבן אַפילו איין שאָס מיט אַ קניידל — און אָן קניידלעך זענען זיי אייך מוחל, במחילה שלימה, די גאַנצע הגדה מיט אַלע שיינע ווערטער וועגן פרייהייט און פרילינג פון דער מענטשהייט...

* * * *

אויף מגידים איז קיינמאָל קיין יקרות נישט געווען, און היינט יאָוויען זיי זיך מארבע פינות העולם. עטלעכע מאָל אין יאָר זענען זיי עולה־רגל צו עפּעס אַ הויפּט־שטאָט, פאַרזאַמלען זיך אַרום אַ טיש, ווו יעדער וויל באַווייזן אַז וואָס שייך מגידות, איז קיינער זיינס גלייכן.

יעדער האָט פאַר זיך ליגן דיזעלבע הגדה — ס׳מאַכט נישט אויס צו זי איז געדרוקט אין יאַלטאַ, צו אין פּאָטסדאַם, צו גאָר אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן — דער טעקסט אין אַלע הגדות איז דער גלייכער.

ס׳איז נאָר ווען מ׳הויבט אָן זאָגן די הגדה, בלייבט מען שוין שטיין באַלד ביים ערשטן פסוק; ווייל דעמלט טייטשט זיך שוין יעדער אויס לויט זיין אייגענעם געשמאַק, יעדער געפינט אויס אייגענע, מאַנכעסמאָל שפּאָגל־נייע אינטערפּרעטאַציעס, דעפיניציעס און נישט־געשטויגנסטע און נישט־געפלוי־גנסטע פּילפּולים און פשעטלעך, מיט אָריגינעלע פירושים אויף דעם מהות פון פרייהייט און דעמאָקראַציע — און בשעת זיי דרייען אַזוי מיטן גראָבן פינגער אין אַלע זיבעציק לשונות, וואַנדערן זייערע גניבישע בליקן אַרום די קניידלעך — סיי די מיט וועלכע מ׳קען אָנפולן אַ לאָך, און סיי די מיט וועלכע מ׳קען אויסגראָבן אַ לאָך — און יעדנפאַלס קען מען מיטביידע יענעם פאַר־שטאָפּן דעם פּיסק...

* * * *

אַ מערכה אויף דער וועלט אַז די באַרימטע וועלטס־מגידים קאָכן זיך נאָך לעת־עתה און האַלטן אין איין זאָגן — איינער דעם אַנדערן אין טאַטנ׳ס טאַטן אַריין... נאָך ליגט די הגדה אַנ׳אָפענע, הגם זיי ניוכען שוין אַלע די פאַרע וואָס דאַמפט דאָרט, אין דער אַמעריקאַנער קיך, ווו עס שטייען די טעפּ מיט די קניידלעך — פון ביידע סאָרטן...

נאָך איז מען, אין דער הגדה, ווייטער פון דעם „הא לחמא עניא" נישט געקומען און מ׳שאַרפט זיך דערווייל די אַפּעטיטן — — — — — — — —

און דער ייד שטייט נאָך אַלץ ביי דער טיר אַ פאַרמאַטערטער און האַלב־

פאַרחלשטער, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אַז די גרויסע מגידים, די „גאה־דורשים", זאָלן שוין אַ זאָג טון אויפן קול: „כל דכפין ייתי וייכול, כל דכפין ייתי ויפתח, השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל, השתא הכא, לשנה הבאה בני חורין".

וואָס קומט אָבער אַרויס פון דעם אַלעמען אַז — מיינען, מיינען זיי קיינס נישט די הגדה, נאָר די קניידלעך...

אַז ווען דער גרויסער זאַל פון דער רידינג רום וועט ווערן פאַרריכט וועט ער ווייטער ווערן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די י.ל.ש.נ.

עס באַקומט נאָך דאַן דאָס וואָרט מר. לעמל, וועלכער זאָגט אַז מ'דאַרף נישט פאַרלירן די האָפנונג בנוגע דער ווידעראויפלעבונג פון יידיש דאָ אין ענגלאַנד, אַפילו ביים יונגערן דור. עס איז פאַרהאַנען אַ פעלד, מ'מוז עס נאָר פריש פאַראַקערן און פאַרזייען — יידיש איז און וועט בלייבן די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך.

מר. מ. מינדל אינם נאָמען פון אַרבייטער־רינג, קולטור־סעקציע, זאָגט צו זיין מיטאַרבייט פאַר פריינט פון יידיש לשון. נ. רובין, הרב דוב וואַרשאַווסקי און מר. באדעל טראָגן אַריין פּראַקטישע פאָרשלאַגן און דער פאָרזיצער שליסט מיט אַ קורצער שלוס־רעדע די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פריינט פון יידיש לשון, אין וועלכע ער אַפּעלירט צו אַלע אנוועזנדע צוצולייגן אַ האַנט צו דער וויכטיקער קולטור־אַרבייט פונם פאַראיין.

---

**יצחק ווינער** (אדמאַנט, עסטרייך)

## ל י ד ע ר

סעפּטעמבער 1933.

א.

די זון האָט אויפגעהערט צו שיינען ווי אַמאָל,
קורצער איז דער טאָג און לאַנגער איז די נאַכט.
טיפער נעפּל קריכט מיר אינעם אויג
און מיין געלע לאַטע, ווערט געהיטן און באַוואַכט.

די מאַמע גייט מיר נאָך אַיעדן טריט און שריט,
זי לאָזט מיך נישט אַרויס פון שטוב אַליין:
אין לאַנגע שלאָפלאָז־חושכ'דיקע נעכט —
הער איך מאַמעס שלוכצנדיק געוויין.

ווידער איז פרימאָרגן און ווידער קומט די נאַכט,
ציען זיך מעת־לעת'ן אין אומרו און אין שרעק.
אין שטילן טרויער האָט מאַמע מיר פאַרטרויט: —
— „כ'האָב ביי זיך באַשלאָסן, מוזט פון דאָ אַוועק!"



ב.

— וואָס־זשע קלערסטו טאָן, זאָג מיר ליבער,
אַזויפיל „דיינע מענטשן" לאָזן זיך אין וועג.
דו מוזט אויך דעם גרענעץ־פּאַס אַריבער,
נישט דערשטיקן דיינע יונגע, בליענדיקע טעג.

— ניין מאַמע! כ'קען מיך נישט באַשליסן,
שיידן זיך מיט אַלע, וועמען כ'ליב אַזוי.
כ'וויל מיט אייך פון גורל גלייך געניסן,
טיילן זיך מיט אומרו, פון חיה'שן געוואַי...

— נישט אַזוי מיין קינד, וועסטו אונז באַגליקן,
מוזט דעם פאָדעם שפּינען, פאַר אַ נייעם דור!
ווו דו וועסט נאָר זיין, וועל איך דיך דערבליקן —
און גרינגער וועל איך טראָגן, מיינע אַלטע יאָר.

ג.

### געזעגנונג

אַ טריפּער פרימאָרגן
סע שנייט און סע רעגנט.
כ'האָב זיך מיט אַלע,
מיט אַלע געזעגנט.

אָרעם אין אָרעם
פאַרפלאָכטן, פאַרבונדן,
מיט אָפענעם האַרצן
צעגליט און צעצונדן.

צאַפּלט דער ווייטיק
מיט בראַנדיקע ווייען,
כאָרכלען די העלזער
פאַרקלעמטע געשרייען.

האַרבסט איז אין דרויסן
סע שנייט און סע רעגנט.
מיט היים און מיט לעבן —
געקושט זיך, געזעגנט.

ד.

## ליגט מיין שטאט...

ליגט מיין שטאט אין שרעק פאַרזונקען,
ליגט מיין שטאט אין בלוט געטונקען,
גוסס׳ט שטאַטיש לעבן.
שטייען תליות אין די ראַגן,
ליגן מתים נישט באַגראַבן,
לויערט טויט אויף יעדן.

בין איך שטיל פאַרבייגעגאַנגען,
פאַרנומען אַלע טויט־געזאַנגען,
פון מיינע שוועסטער־ברידער.
איבער נעכט אויף שמאָלע וועגן,
רויטן מאָרגן־שטראַל אַנטקעגן,
טראַג איך מיינע לידער.

טו איך אויס פון זיך די שמאַטעס,
מיטן שטויב פון געלע לאַטעס,
וואַרף זיי פאַר די שונאים.
פונעם היינט און פונעם נעכטן,
וועט דער מאָרגן־שטריק פאַרפלעכטן,
אויף העלזער פון תלינים.

ה.

## אין דער פרעמד...

כ׳קען ניט קיינעם דאָ, אין דער שטאָט דער פרעמדער,
מענטשן דאָיקע — אינערגעץ ניט געטראָפן.
אייגן איז מיר בלויז, צוויי געבראַכטע העמדער, —
הויזן מיט אַ רעקל, פון אָפּגענוצטע שטאָפן.

גיי איך דאָ אַרום, איינגעהילט אין זאָרגן
וועגן גורל — פון דער היים דער ליבער.
כ׳קען אַלץ ניט פאַרגעסן, יענעם לעצטן מאָרגן —
ווען כ׳האָב זיך געזעגנט, אין גליענדיקן פיבער.

יאָ, איך בין אַנטלאָפן. ניט געלאָזט זיך פאַנגען,
ווי געטאָן דאָס האָבן טויזנטער מיינסגלייכן.
אין אימה׳דיקע נעכט — אייליק כ׳בין געגאַנגען,
פרייע ערד באַטרעטן, פרייע ערד דערגרייכן...



גיי איך דאָ אַרום, אויף דער ערד דער נייער,
מענטשן דאָיקע — אינערגעץ ניט געטראָפן;
ס׳איז מיין שרעק אַנטרונען, מיטן רויך פון פייער —
פאַרטרייבן כ׳וועל נאָך טרויער, פון מיינע יונגע סטראָפן...

ו.

## א בריוו פון דער מאמען

ליבער זון! ערשטנס... זענען מיר געזונט,
כ׳לויב פאַר דיר יעדן אינדערפרי גאָט׳ס נאָמען.
קיינער אַרבעט נישט פון אונז, — נישטאָ,
סענדערל האָט אויפגעהערט אין דער שול צו לערנען.

פון דיין רבקה׳לען באַקומען כ׳האָב אַ בריוו,
זי וועט קומען — זיין מיט אונז צוזאַמען דאָ;
שלום איז נישט אינדערהיים — פאַרפאָרן ערגעץ ווייט,
און דער טאַטע דיינער, איז ביי אונז שוין מער נישטאָ...

כ׳וואָלט עס אפשר נישט געווען געשריבן,
ביסטו דאָך אַ זון, און טראָגסט פאַר אונז אַ פליכט;
קדיש דאַרפסטו זאָגן פאַר זיין ליבן אָנדענק —
אָפּהיטן זיין יאָרצייט, און אָנצינדן אַ ליכט.

ליבער זון! שרייב אונז וועגן דיר, ווי אַזוי דו לעבסט —
און אויב עס איז דיר מעגלעך, שיק אונז עפּעס צו,
זיי געגריסט, געקושט — פון דיין אַלטער מאַמען,
זיי געזונט און שטאַרק — שלום דיר און רו...

ז.

## רוישן זשומען די מאשינען

קוימענס שטרעקן זיך צום הימל
מיילער שפּייען קנוילן רויך,
שימערט פאָן פון זון צעפלאַמטע
גריסט צו יעדן פון דער הויך.

רוישן זשומען די מאַשינען,
ציען פאַסן רעדער־גאַנג:
לויפן אייליק די טורבינען,
הודיעט אַרבעט מיט געזאַנג.

גיכער, גיכער, ווי אַ וויכער,
מיט די אויגן, מיט די הענט:
שטאָל און אייזן, שטאָל און אייזן
ווערט געפורעמט, ווערט געברענט.

יאָגן פאַסן, ציען פאַסן,
אייזן שטאָל צעגליט, צעזידט;
פייער־בראַנדן שפריצן, בליצן, —
ווערט אַ לעבן אויסגעשמידט.

מערער אייזן, מערער קוילן,
מערער נאַפט און מערער ברויט!
ווערט געקאָוועט פרידלעך-לעבן,
דורך מי און אַרבעט אויפגעבויט.

ח.

22־טער יוני 1941

צווייאונצוואַנציקסטער יוני נײַנצנאײנאונפערציק:
ס׳דונערט די געפאַר אין אַלע וועלט סירענעס.
ס׳האָט האַקנקרייץ מיט זיינע אָנגעשאַרפטע העק
אין דער זון דורך מזרח־זייט זיך איינגעשניטן.
טריפט אַראָפ אַ שנירל בלוט פון ברענענדיקער וווּנד —
און אויף גרינער ערד צעוואַקסט זיך, גרויסער רויטער פלעק.

וואַקסט דער רויטער פלעק און שפרייט זיך אויס אויף פעלדער,
ווערט אונזער טעגלעך־ברויט מיט אייגן בלוט באַשפריצט...
נאָך רויטער ווי דאָס בלוט, צינדט זיך אָן דער צאָרן:
אונזערע די שטעט, אונזערע זאַוואָדן!
אונזערע די שטוב, אונזערע דער באָדן!
אונזערס איז דאָס לאַנד, דורך אונז געבויט געוואָרן!

דונערט די געפאַר אין אַלע לאַנד־סירענעס,
שרייט אַראָפ געפאַר פון בלעטער און פלאַקאַטן:
און ס׳טראָגט אויף אירע פליגלען גיך אַוועק דער ווינט,
קלאַפּט אין פענסטער פון אַלע פויערישע שטיבער,
וועקט — נאָך מידן אַרבעטס־טאָג — שלאָף דעם זיסן איבער...
— גיי אַרויס פאַרטיידיקן דיין ערד, דיין שטוב, דיין קינד!

אויפגעוואַכט דאָס לאַנד אינגאַנצן, ביז צום ווייטסטן אָרט,
אָנגעגורט מיט פייערדיקן האַס, קעגן דייטשן מאָרד,
וואַקסט אויס פון שטראָמענדיקער קראַפט — אַ פעלזן־מויער.
מיט ליבע צו דער היים — נאָך דיינער ווי קרישטאָל,
גייט דאָס לאַנד צעכוואַליעט, מיט פייער און מיט שטאָל,
באַצאָלן פאַרן בלוט — פון אַרבעטער און פויער!

אדמאָנט, 1947.






מאָריס שוואַרץ    געצייכנט    מאָריס סאָכאַטשעווסקי

## אלגא סומך-פיליפס

# סיר דזשאן דע וויליערס

דזשאן דע וויליערס האָט געפירט אַזאַ לעבן, וואָס פאַרדינט, אַז ענגלישע און אַנדערע יידן זאָלן עס נישט פאַרגעסן, נאָר האָבן אין זכרון. ער האָט אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע איז דערשינען אין יאָר 1931, און ווייל אַסך האָבן זי נישט געלייענט, ווועלן מיר זיך באַמיען, פאַר זייער טובה וועגן, צו קאָנדענסירן אָט דאָס בוך.

דזשאן דזשייקאָב דע וויליערס איז געבוירן געוואָרן אין 1863 אין אָט דעם טייל לאָנדאָן, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען טהי מינאָריעס, אַ סיטי־גאַס, וואָס לויפט פון דער סאנקט באָטאָלפס קירכע, אין אָלדגייט, ביז צו דער פעסטונג פון לאָנדאָן (טאָאור אָוו לאָנדאָן). ער שרייבט מיט גרויס ענטוזיאַזם וועגן זיין יוגנט־לעבן אין אָט דער היסטאָרישער געגנט, וואו עס געפינען זיך לאָנדאָנער פעסטונג און די קעניגלעכע מינץ. ער האָט אויך אַ סך ריין יידישע זכרונות פון יענער סביבה, און רעדט מיט רעספּעקט וועגן האונסדיטש און „טהיליין״. עס האָט אים, מסתמא, פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן וואָס די געגנט אַרום דער אומשטערבלעכער „פעטיקאוט ליין״ איז געווען באַפעלקערט פון יידן, וועלכע האָבן דורות־לאַנג געוואוינט אין ענגלאַנד און וועמענס אָפּשטאַם איז געווען פון האָלאַנד. דזשאַנ׳ס פאָטער איז אַליין געווען אַ האָלענדער, אייגנטלעך אַ גוי, וואָס האָט זיך מגייר געווען, געבוירן אין דער קאַפּ־קאָלאָניע, דרום־אַפריקע. אַריינטרעטנדיק אָבער אין דער אוניווערזיטעט אין אוטרעכט אַלס טעאָלאָגישער סטודענט, האָט יאַקאָב הענדריק דאַניעל דע וויליערס זיך באַגעגנט מיט אַ האָלענדיש־יידיש מיידל פון יענער שטאָט, חנה גראָעג. זיי זענען געווען אַ גליקלעך פאָר פאָלק, וואָס האָבן זעלטנס זייערס גלייכן אין געמישטע חתונות. דזשאַן, זייער זון, האָט באַקומען אַ שטרענג־יידישע דערציאונג און זיין פאָטער פלעגט אים העלפן אין לערנען העברעאיש.

ווען דאַניעל האָט חתונה געהאָט, האָט ער אוי.פגעגעבן די טעאָלאָגיע און זיך גענומען צו מסחר, און מיט זיין ווייב און אירע עלטערן האָט ער זיך באַזעצט אין ענגלאַנד. אַזוי־ווי ער האָט געוואוינט נאָענט צו פיר שולן, „די גרויסע״, אין דיוקס סטריט, אלדגייט, די בעוויס־מאַרקס, די נייע, אין גרעיט סט. העלענס און די העמבראָ ביי פענטשווירטש סטריט סטעישאָן, האָט דזשאָן אייברעהעם דזשייקאָב דע וויליער, זיך געפילט צוגעצויגן צו דער האַמבראָ, וואו ער האָט געלייענט מפטיר אַלס בר־מצווה־בחור.

לויבנדיק די גרויס מענטשן ביי יידן, גיט דזשאַן דע וויליערס דעם גרעסטן שבח זאַנגוויל, הגם ער באַדויערט זייער וואָס זאַנגוויל האָט נישט חתונה געהאַט מיט אַ יידישער פרוי.

דזשאַן דע וויליערס אַליין האָט געלערנט גמרא אין אַ בית־המדרש, וואו דער דיין ספּיערס, אַ ליבלעכער מענטש און אַ גרויסער למדן, האָט געזאָגט שיעור. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קרובה פון דעם באַרימטן סיר דזשאָרדזש דזשעסעל, איינער פון דעם ענגלישן יידנטומס גרויסע נדבנים.



וואָס אַזעלכעס האָט דער דאָזיקער איבערגעגעבענער ייד אויפגעטון, כדי זיך צו דערווערבן אַזאַ ערנהאַפטן נאָמען? נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל בייטאָג און מיט שטודירן אויף אָוונט קורסן אין דעם „סיטי אָוו לאָנדאָן קאָלעדזש״, וואָס האָט זיך געפונען „גאַנץ נאָענט ביי אלדגייט־פּאָמפּ״, האָט ער באַקומען אַ פּאָסטן אין בריטישן מוזעאום. ער איז געוואָרן אַן אַסיסטענט פונם הויפּט־ביבליאָטעקאַר אין אַכטונג געבן אויף געדרוקטע ביכער און איז געוואָרן אַן עקספּערט בנוגע שטודירן מאַפּעס. אַפילו אין דעם קאַפּיטל, וואָס באַשרייבט זיין קאַריערע אין בריטישן מוזעטום, שרייבט ער מיט גרויס באַדויערן הלמאי די האַמבראָ-שול מוז זיך צומאַכן (1893). עס איז אינטערעסאַנט, אַז די „דזשואיש פרי רידינג רום״, אָדלער סטריט, איז אַמאָל געווען אָט דאָס היסטאָרישע בית־הכנסת. דע וויליער האָט אַמאָל געהאַט דעם כבוד צו העלפן דער ענגלישער רעגירונג אין אַ קאָנפליקט מיט ווענעצועלאַ, און האָט אויך אויסגעפירט וויכטיקע אַרבעטן אין האָלאַנד, וואו ער איז געשטאַנען אונטער קעניגלעכן פּאַטראָיאַט.

צווישן זיינע שריפטן געפינט זיך אויך אַ סעריע רעפעראַטן, וואָס טראָגן דעם נאָמען „האָלאַנד און געוויסע יידן״. אַחוץ זיינע ווערטפולע געאָגראַפישע ווערק, האָט ער אויך געמאַכט אַ ריי איבערזעצונגען.

דזשאַן דע וויליערס האָט געוואוינט אויף 56 מילדמיי פּאַרק במשך פון פינף און צוואַנציק יאָר, ד. ה. אַז צפון־לאָנדאָן קען זיך מיט אים באַרימען ווי מיט אַן אויסגעצייכנטן יידישן אינטעלעקטואַל און סוחר פון גרויסן פאַרנעם.

ער האָט זיך אויך אינטערעסירט אין דער גרינדונג פון דער דאָלסטאָן־שול, פּאָעטס רויד, וואו ער האָט געדאַווענט ביז צום טאָג פון זיין טויט. ער איז געשטאָרבן אין 1931, איין יאָר נאָכן באַקומען דעם ריטער־טיטול סיר פאַר זיינע אויפטוען לטובת ענגלאַנדס עלטסטער קאָלאָניע — ניופאונדלענד. ווען ער האָט באַקומען דעם סיר־טיטול איז ער געקומען אין זיין אַלטער שול אַריין אויף אַ ספּעציעלן גאָטעסדינסט.

זיינע דערגרייכונגען זענען פאַרשידענאַרטיק, און זיין ווערט איז אויף אַזויפיל גרעסער, אויף וויפל ער איז געבליבן טריי צו זיין יידישער דערציאונג. איבערגעגעבנקייט צו זיין מוטער, וועלכע איז זייער פרי אין לעבן געבליבן אַן אלמנה, האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין געדאַנקען־גאַנג, און אין זיין בוך, „מיינע זכרונות״, דריקט ער אויס אייביקע דאַנקבאַרקייט צו איר און צו איר רעליגיעזן איינפלוס. ער איז געווען אַ ייד, וואָס נישט געקוקט אויף די אומצאָליקע כבודים, וועלכע ער האָט באַקומען, האָט ער דאָך נישט פאַרגעסן דעם „צור אשר חצבתם״ (דעם פעלזן, פון וועלכן איר זענט אויסגעהאַקט געוואָרן).

## א. נ. שטענצל

### יאסמין

איז עס דאָס סובות־ווייס,
די שטאַרבנדיקע פאַרב,
אָדער דער שאַרפער ריח,
קרענקלעך טוכלע־האַרב,
וואָס דערמאַנט מיך אין טויט.

נאָר תמיד, אַלע יאָר,
ווען עס בליט דער יאַסמין,
דער גערוך און דאָס ווייס,
דרינגט אַרויס פונם גרין,
מוז איך טראַכטן פון טויט.

כ'הער אים שעפּטשען אין מיר!
ווער ווייס דעם סוד דערפון:
ס'איז הימל איבער מיר,
פייגל געטשוויטש און זון,
און כ'שפּיר, ס'גענענט דער טויט — — —

שווענבלדיק ווינטלדיק,
שוועבט עס אַהער אַהין,
דעם דעך צו דערכאַפּן
אויסהויכענדיק: יאַס־מין!
שווער און שאַרף ווי דער טויט.

### ווען די לינדן בליען
(דריי לידלעך)

1

האָט דיך דער ריח־גערוך פון יאַסמין,
אָדער דער דופט פון די לינדן ביימער,
בלינד צוגעפירט ביז פאַר מיין פענסטער?
שוועבסט איבער מיר אַ סוד אַ געהיימער.

ערגעץ אַצינד בליען די לינדן,
זייער דופט מער כ'קאָן מיך נישט דערמאַנען,
נאָר זעענדיק דיך פאַר מיין פענסטער, —
איז אַ לינדע בליענדיק געשטאַנען.



2

כ'האָב דעם דופט פון דיין גוף פאַרלוירן,
נאָר אַלעמאָל ווען די לינדן בליען,
דוכט זיך מיר ער קומט שטילינקע אָן,
אויף אַ יוני ווינטל לייכט צו פליען.

אָדער איז עס גאָר יאַסמין־גערוך,
וואָס קומט שווער ווי אויף וואָלקנס געצויגן?
אַזוי דעמפּיק, אַזוי מטושטש — — —
איבער מיין קאָפּ שטייט אַ רעגנבויגן.

3

איינגעהילט אין דיין אָטעמדיק לייב,
אויף מיין פּנים פאַלן דיינע טרערן,
אַ פרישׂ לינדן־צווייגל אין דיין האַנט,
פאָכנדיק איבער מיין הייסן שטערן.

דער דופט פון די ליפּאָווע בליטן
פּלוצלונג איך דערשפּיר אים אין מיין פיבער,
עס וועקט מיך קיל, דער קלאַנג פון דיין קול:
„אַ דאַנק גאָט, דער קריזיס איז אַריבער".

(פאַר ע.)

### עלעגיע אין פינף געזאַנגען

1. איז דאָך גוט אַז דו ביזט געקומען

1

וואָס איבערגעבליבן דיר פון דיין פאָלק נאָך,
און פון דיין שיינקייט — דיינע אויגן עס זיינען;
קומסט דו צו מיר, דאָס איבערגעבליבענע,
אָדער דאָס שוין פאַרלוירענע צו באַוויינען?

דו, אַז דיינע שוואַרצע אַפּלען דו האָסט נאָך,
האָסט דו גאָרנישט פון דיין שיינקייט נישט פאַרלירן!
איז דאָך גוט, אַז געקומען דו ביזט צוריק,
צו העלפן מיר איבער אונזער פאָלק צו טרויערן.

2

אַלע מיינע טרערן כ'האָב שוין אויסגעוויינט,
וועל איך פון דיינע אויגן פרישע אויסקושן;
אָ, אַז דער טרויער אין דיינע שוואַרצאַפּלען:
גאַנץ צווישן די פעלקער זיך נישט אויסצומישן....

אַז לייִדיק עס ווערט אַ קרעכצנדיקע פּלומפּ
איין שלונג וואַסער אין איר נאָר אַריינצוגיסן — —
זע, פון דיינע אַריינגעוויינטע אין מיר,
מיין האַרץ מיט טרערן טוט ווידער איבערפּליסן.

3

אויף דינסטע פּערעם, וואָס בינדן האַרץ צו האַרץ,
ציען זיך אויף די טרערן — שנירעלעך פּערל;
און אַז דורכגעריסן עס ווערט דער לעצטער,
בלייבט צווישן וויעס פאַרקוועטשט דאָס לעצטע טרערל.

איז אויב ווידער דו וועסט אַוועקגיין אַצינד,
מיט אויפגעלויכטענע לאַכנדיקע בליקן,
זיי וויסן: איין טרערל אויף אייגענעם צער
עס האָט מער די ווערט פון אַלע פרעמדע גליקן.

## 2. ווי פאַר דיין קומען כ׳דאַנק דיר פאַר דיין גיין

1

פון אונטער אַש צוויי לעבעדיקע קוילן
טליען איבער מיר דיינע גליאיקע אויגן;
אַז זיי זאָלן נישט אויסברענען אינגאַנצן,
זיינען זיי אַזוי מיט טרערן אָנגעזויגן.

ווען כ׳האָב זיי דערזען די פולע שוואַרץ־אַפּלען,
איז מיין שוועסטער לעבעדיק פאַר מיר געשטאַנען!
ווייל מיין לייד געווען גרעסער פון מיין פרייד,
דערפאַר ביזט דו דאָך פון מיר אַוועקגעגאַנגען.

2

שוין הער איך דיין אַוועקגיין, דיין אויפלאַכן—
אַ קוואַל וואָס לאָזט זיך אויף שלענגלדיקע וועגן!
אָבער דער שטיין פון אונטער וועלכן ער קומט,
שווער בלייבט ער ווייטער ליגן, פונקט ווי געלעגן.

דער שטיין פון אונטער וועלכן עס רייסט זיך דער קוואַל,
לאָזט זיך פון רייסנדיקן שטראָם נישט מיטשלעפּן,
און אַ האַרץ, פול אַריינגעוויינטע טרערן,
עס קאָן זיך שוין נישט מער קיינמאָל גאַנץ אויסשעפּן.



3

נישט גאַנץ אויסגעטריקנט ס׳זאָל ווערן מיין האַרץ,
ביזט דו צוריקגעקומען מיט דיינע טרערן,
און ווען אַוועק וועסט וועט עס זיין נאָר דערפאַר,
אַז פאַרדאָפּלט אַצינד מיין טרויער זאָל ווערן.

יאָ, ווי פאַר דיין קומען, כ׳דאַנק דיר פאַר דיין גיין,
ווייל ביז צו די הימלען מיין לייד זאָל זיך שטאַפּלען!
אָ, פון אונטער אַש לעבעדיקע קוילן
טליען איבער מיר מיינע שוועסטער שוואַרץ־אַפּלען — — — —

## 3. דיין אַוועקגיין אַצינד שטעטס כ׳וועל געדענקען

1

די פרעגנדיקע אויגן פון מיין שוועסטער,
דעמלט ווען זי איז אין גאַז־קאַמער געשטאַנען,
אויפגעריסענע, גרויסע, דערשראָקענע,
כ׳האָב זיי דערזען ווען דו ביזט אַוועקגעגאַנגען.

און תמיד כ׳וועל זיי זען פאַר מיינע אויגן,
ווייל דיין אַוועקגיין אַצינד שטעטס כ׳וועל געדענקען!
אַז נישט פאַרגעסן אויף אייביק איך זאָל זיי,
אויסגעמישט עס האָט זיי מיין לייד מיט מיין בענקען.

2

וואָס איז דען געבליבן נאָך פון אונזער פאָלק?
אַן עוקצל לײַדן אין לייִדיקע בליקן;
און ווען נישט אַוועקגעגאַנגען דו וואָלטסט איצט,
דאָס ביסעלע צומאָל געמוזט כ׳וואָלט דערשטיקן....

ווי פאַר דיין קומען, איך דאַנק דיר פאַר דיין גיין:
אָ, דאָס אויפלאַכן, דאָס פריידיקע דערקוויקן
און אין מיינע הענט, נישט דיין גליאיקן לייב —
דעם פאַרקוילטן פון מיין שוועסטער גאָר צודריקן.

3

צו שוואַך זיינען מיינע הענט זיי צו האַלטן,
נישט דיין גליאיקן לייב און נישט דעם פאַרקוילטן, —

איבער מיינע כוחות דיין פרייד ווי מיין לייד ! —
צאַפּלט מיין האַרץ כאַטש אינם פלאַנטער פאַרקנוילטן. —

אַ, „עזה כמות אהבה — — —“
און אַזביידע ערשט זיך אינאײנעם פאַרקניפּן ! !
איז עס נאָך פון דיינע אויגן די טרערן,
צי מיינע אייגענע גאָר כ'שפּיר אויף די ליפּן ?

## 4. אויב נישט מזל וועט שוין גורל אונז פאַראייניגן

1

פון אויפגייענדיקע מזלות שטערן —
אַלצדינג פון דיינע אויגן אַרויסגעלעזן ;
שיינענדיקע זיך באַווייזן אין חשכות,
און זיינען דער גורל פון אַ מענטש געוועזן.

אָבער אַז נישט אויסגעלאָשן זיי ווערן,
מוזן דאָך שטערן ציען זייערע קרייזן,
און וואו זיך ליכטיקע באַוויזן אַמאָל,
מוזן זיי שיינענדיקע ווידער זיך באַווייזן — — —

2

נאָר נישט אויסלעשן, נאָר נישט אַראָפּפאַלן —
וואָס פינסטערער די נאַכט אַלץ ליכטיקער שיינען !
און אַז אָנקומען ווידער דו וועסט צוריק,
אויב נישט מזל — וועט שוין גורל אונז פאַראייניגן.

דאָס וואָס דיר נאָך ס'איז געבליבן פון דיין פאָלק,
און פון דיין שיינקייט — דיינע אויגן עס זיינען !
איז נישט וואונדערלעכער, ס'פאַלן פון שטערן,
ווי ס'געכאָרכל פון פעלדז מיט פאַרשטיינטן וויינען ?

3

קאָן מען דען ציילן די שטערן אין הימל,
אַזוי אָן איינציקן — אין זיין פאַל דעריאָגן !
אָבער וויפל מעטעאָרס פון איין שטערן,
און פונקן־געשפּריץ־פון איין קריש אַרויסשלאָגן ?



יאָ, אַז אַראָפּפאַלן — טיפער אין מיין האַרץ !
ס'פלאַטערט דאָך נאָך דיין אַוועקגיין, דיין אויפלאַכן — — —
פאַרלאָשענער מעטעאָר פעלזיקט דעם ברעג,
ציענדיקע שטראָמען ברויזיקער צו מאַכן.

## 5. ס'לעשט זיך איבער מיין קאָפּ דאָס גאָלד פון די שטערן

1

ווי די זאַמדן ביי די ברעגעס פונם ים,
און ווי די שטערן אין הימל מיר זיינען — — —
זיי וועט מען נאָך אַמאָל אויסציילן קענען,
אָבער נישט טרערן אין ברויזיקן אויפוויינען.

אין די הימלען די גליענדיקע שטערן,
די דיקסטע פינסטערנישן אַדורכצוברענען !
אָבער צעריבענע זאַמדן ביי ברעגעס,
ווער וועט אין זיי די מעטעאָרס נאָך דערקענען ?

2

און אין די נעכט, פינסטערע, פאַרחושכטע,
ווען טרייסט איך וויל אַרויסלייענען פון די שטערן,
מיין שוועסטערס קינדלעך־שפּילנדיקע אויגן
טוען פון אַש אַרויס טליען נישט אויפהערן. —

איין יאָר נאָר עלטער איז זי געווען פון מיר,
און מיין געוויין און מיין פאַרשייט אַרומצאַפּלען,
פלעגט זי, אַ קליין מאַמעלע, מיך איינשטילן,
מיט גילדן מענטשעלע אין אירע שוואַרץ־אַפּלען.

3

אומשטערבלעך עלטער ביזט דו איצט פון מיר,
און איך ווי דעמלט אַזוי קליין בין געבליבן — — —
צווישן געוויין און צאַפּלדיקן פאַרשייט,
אַ קרישקעלע פון ווילדע שטראָמען געטריבן.

וואָס איז דען נאָך געבליבן פון אונזער פאָלק ?
אַן עוקצל ליידן און טראָפּעלעך טרערן — — —
פון מיליאָנען שוואַרץ־אַפּלען די מענטשעלעך —
לעשט זיך איבער מיין קאָפּ דאָס גאָלד פון די שטערן.

יוסף הלל לעווי

## מרדכי שטריגלער דער באַזינגער פון אומקום און פיין

איבערגעלייענט דאָס בוך: „אין אַ פרעמדן דור“, לידער און פּאָעמעס פון מ. שטריגלער, אַרויסגעגעבן אויף אַ גאַנץ לייטישן אופן — דורכן פאַריזער פארלאג „יידישער פאָלקספאַרבאַנד“.

אין אמתן געזאָגט דערוועקן זיך נאָכן פאַרענדיקן דאָס בוך געמישטע געפילן. פון איין זייט: אַזויפיל עלענט, נויט, שוידער, אומקום און פיין, — פון דער אַנדערער זייט, דער געוואַלטיקער איבערמענטשלעכער כח דאָס אַלעס נאָך צו ווען און קאָנען באַשרייבן...

אָבער אַפילו ביים גרעסטן רעספּעקט צו די אַלע צוריקגעבליבענע שרייבער קדושים, — וועלכע האָבן געהאַט דאָס גרויסע גליק פון דעם מאוימדיקן גיהנום געראַטעוועט צו ווערן, און דאָס ביטערע אומגליק זיך צוצוקוקן צו אַלע פייניקער, און הילפלאָז פאַרפייניקטע; טאָרן מיר דעם אמת ניט פאַרהוילן, נאָר טאָפּלט זיין געדעכט און ערלעך.

ווייל עס איז ניט אַזוי — אַז אַפילו די שוידערדיקסטע און בלוטיקסטע איבערלעבונגען זאָלן זיין ביכולת גרויס און הייליק צו מאַכן דאָס געשריבענע וואָרט; נאָר אומגעקערט: דאָס גרויסע דיכטערישע וואָרט מאַכט תמיד הייליק און פאַראייביקט אַפילו די קלענסטע איבערלעבונגן...

דאָס שליסט אָבער לחלוטין ניט אויס אַז גרויסע איבערלעבונגן זאָלן אויך קאָנען משפּיעה זיין אויפן וואָרט פונעם קינסטלער נאָר פאַרקערט, — אויף אַן אמתדיקן קינסטלערס ווערק זענען תמיד משפּיעה זיינע איבערלעבונגן, נאָר פאַראויסגעזעצט: מוז עס אַ קינסטלער זיין, דעמאָלט איז עס „הא בהא תליא“...

מרדכי שטריגלער איז אַ דיכטער בלי שום ספק, אָבער ער הויבט אָן זיין לידער־בוך מיט שוואַכע לידער, און פאַרענדיקט דאָס דאָזיקע מיט שוואַכע לידער.

און ווען ס׳וואָלט זיך דאָרטן ניט געפונען דער ציקל לידער: „פון אונדזערע טעג“, — וואָלט דאָס בוך זיכער ניט פון גרויסן ווערט געווען, נאָר אַזוי זיך סתם מיטלמעסיקע לידער, פון אַ מיטלמעסיקן דיכטער.

עס זענען לידער וועלכע באַזיצן אַסך מאָל אַפילו יאָ פאַרב, קלאַנג, געפיל און זין, — אָבער נאָך ווייט ניט די גרויסע קינסטלערישע אָריגינאַליטעט, זיי זאָלן ביכולת זיין אַדורכצוברעכן דעם מיטלמעסיקייטס גדר...



די פּאָעמע: „אַ לעבן אַזוינס“ — ציט זיך לאַנגוויייליק, דער ריטם הינקט אונטער, דער גראַם איז ניט אָריגינעל, די שפּראַך ניט זאַפטיק גענוג פאַר דער פאָלקסטימלעכער טעמע, דער סטיל אַ פּרימיטיווער כמעט רוי, דער אינהאַלט ניט אינטערעסאַנט, און בכלל די גאַנצע ווערזיפיקאַציע אַ מאָנאָטאָנע...

דאָס זעלביקע קאָן מען כמעט אויך זאָגן אויף די אַנדערע צוויי פּאָעמעס: „פון מיין שטעטל“, און „ר. אפרימ׳קע איז עולה קיין ארץ־ישראל“.

וואו ניט וואו, געפינען זיך אַפילו יאָ אָריגינעלע עכטע שורות, וועלכע טוען אַ בליאַסק אַרויס פון דער מיטלמעסיקייט אָבער באַלד ווערן זיי ווידער פאַרדעקט מיט וואָלקנס פון גרויען מאָנאָטאָניזם...

ניט פיל אַנדערש ווי שוין פריער באַמערקט, איז עס אויך מיט דעם ציקל לידער: „מיט זיך אַליין“ וואָס דער דיכטער שליסט אָפּ דאָס בוך מיט זיי.

עס איז אַ מין ליריק: אַן אומעטיקע, אַ גרויע, אָן טיפן ליריזם... ס׳זענען רעמיניסצענצן נאָכווייען, נאָך אַ גרויסן שטאַרקן און שוידערדיקן ווייטיק, — אָבער ניט דער אומיטלבאַר דערשיטערנדיקער ווייטיק גופא...

דוכט זיך דער זעלביקער דיכטער, וואָס באַנוצט די זעלביקע שפּראַךטערמינען, וואָס ער האָט באַנוצט אין די פּאָעמעס: „פון אונדזערע טעג“, און כמעט אויך די זעלביקע טעמעס; אָבער פאָרט ניט די זעלבע עמאָציעס, בילדער און וויזיעס...

עס פעלט פשוט דער טיפער דיכטערישער שוואונג, דער גרויסער כח, — וואָס זאָל קאָנען אויך די אַנדערע לידער דערהויבן צו דער געוואַלטיקער איבערלעבונג, וואָס דער דיכטער האָט איבערגעליטן שאַפענדיק בעת ער האָט זיך געפונען אין דעם טייוולאַנישן גיהנום...

אָבער איין גרויסע מעלע באַזיצן אַפילו די שוואַכע לידער פון שטריגלערן יאָ, — און דאָס איז זייער עכטקייט.

ווי שטריגלער זאָל ניט זיין, וואָס ער זאָל ניט זינגען און זאָגן איז ער תמיד ערלעך און עכט. ער זשאָנגלירט ניט מיט קיין ווערטער, בילדער, באַגריפן און געפילן, — נייערט ער גיט זיך אַזוי ווי ער איז: דאָס מיינט — ער ווייזט אָן וועלכע ס׳איז קונצן וואָס ער קאָן, און וואָס ער וויל, און דאָס אַליין איז דוקא ניט קיין קליינע קונסט... שטריגלער איז אַן ערלעכער דיכטער. מעגלעך אַז דער גורל זיינער האָט דאָס אים אַזוי אויסגעלערנט צו זיין, ניט קיין נפקא־מינה, אַזוי איז ער...

צו קומען דאָ מיט ציטאַטן איז פשוט ניט מעגלעך, מחמת כמעט אַלע זיינע לידער שפּרודלען: מיט דער ספּאָנטאַנער ערלעכקייט און עכטקייט...

אָבער ווי איך האָב עס שוין צופריער באַמערקט איז שטריגלער אַ גאַנץ

אַנדערער אין זיין ציקל לידער: „פון אונדזערע טעג“, וועלכער באַשטייט פון 10 פאָעמעס. אין די לידער גיסן זיך צענויף די דריי עלעמענטן: פון עפיק, ליריק און דראַמאַטיק און בילדן אַ געוויסע האַרמאָניע...

און לייענסטו זיי פאַרגעסטו אָפט אַז דאָס זענען לידער, נאָר עפעס אַ מין שווידערדיקע רעליקוויעס, נייע סליחות קינה׳ס אויסגעמישט מיט פיוט און תהילים....

זיי געהערן צו אַלע אונדזערע הייליקייטן ווי די וואָס זענען געשאַפן געוואָרן: פון קאַצענעלזאָן, סוצקעווער, גראַדע, שולמאַן, געבירטיג, מאַרקיש, פעפער און נאָך פיל אַנדערע.

ווען מיר רעדן וועגן די דיכטונגען וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָך אונדזער גרויסער קאַטאַסטראָפע, מוזן מיר מאַכן אַ שטאַרקן אונטערשיד צווישן דער פאָעזיע און פראָזע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין געטא גופא, און מחוץ לגעטא. דאָס מיינט פון די שרייבער וועלכע האָבן דעם אומקום איבערגעלעבט פיזיש, און די שרייבער וועלכע האָבן דעם אומקום איבערגעלעבט גייסטיק...

עס איז קלאָר אַז פון ביידע מינים שרייבער און דיכטער איז אַסך געשאַפן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן געביט.

און איך מוז מודה על האמת זיין: ווי גרויס און קינסטלעריש פאַרפולקאמט עס זאָלן ניט זיין לייוויק׳ס לידער, אַלס איינער פון די גרעסטע פאַרשטייער, — פון די וועלכע האָבן דעם אומקום באַזונגען מחוץ לגעטא, מאַכן זיי פאָרט ניט דעם אומיטלבאַר אמתן טיפן רושם וואָס זאָל זיין ביכולת אונדז מיטצורייסן ווי די לידער וואָס זענען געשאַפט געוואָרן אין געטא גופא...

מעגלעך אַז דאָס איז דערפאַר ווייל מיר לעבן נאָך אין דעם פעריאָד, אין וועלכן דער אומגליק האָט פאַסירט, — און עס דאַרף נאָך נעמען אַ שטיק צייט, ביז מיר וועלן קאָנען אָפשאַצן די לידער ניט באַאיינפלוסט פון די מאוימדיקע פאַסירונגען...

די ניט אין געטא געשאַפענע לידער קאָנען זיין — געשליפן, געוואויגן און געמאָסטן, די אַנדערע זענען אָבער דאָס רוב נאָך רוי, כאַאָטיש, אָבער דערפאַר דאָס נאַקעטע לעבן אַליין. אין זייער יעדן אות און וואָרט וויברירט פאַרבאָרגן דער שטומער ציטער פון אומקום, און דער געוואַלטיקער דראַנג צום לעבן...

אפשר טאַקע דערפאַר זענען זיי אונדז נאָנטער, הייליקער און טייערער.

דאָס זעלביקע איז אויך מיט מ. שטריגלערס לידער און פאָעמעס. זאָל זיין אַז אַסך פון זיי זענען ניט מער ווי נאָר בלוטיקע כראָניק, שווידערדיקער רעפאָרטאַזש און נאַקעטע אָבסערוואַציע, — אָבער אַזעלכע צאַפלדיקע שטיקער לעבן קאָנען נאָר דיכטער פאַר אונדז מגלה זיין: וואָס האָבן עס אַליין פיזיש איבערגעלעבט און איבערגעליטן, ניט גייסטיק רעפראָדוצירט...

און ווען מ. שטריגלער רעדט צו אונדז אין זיינע פראַגמענטן: „צו די וואָס זענען נאָך נישט געבוירן“, — פאַלן זיינע ווערטער אויף אונדז ווי אַנ-



געגליטע שטיקער לאַווע און ברענען זיך טיף אין האַרצן אַריין. און מיר נעמען אויף מיט שווידער און קדושה זיינע רייד:

כפיל אייך נאָך אין זיך, ווי איר ריזלט אין מיינע בלוטן,
כהער אייך, און כוויל אייך עפעס שרייבן זאָגן, —
כוויל פאַרענטפערן זיך, פאַרטיידיקן און אָנקלאָגן,
כהייב אָן... און פאַרליר זיך אינדערמיטן . . .

קינדער, קינדער! מקנא בין איך אייך און באַדויער אייך דערביי!
ווייל וואָס קאָנט איר דען וויסן? וואָס קאָנט איר זען דען און הערן?!
אַז ביי אייך וועט דאָס לעבן זיין אָנגעשטעלט ווי אַ רערל;
צו דער צייט די פרוי... צו דער מינוט די טיי . . .

איר וועט לעבן און ניט וויסן די שטעכיקע אייביקייטן פון אַ מינוט
אַזויווי מיר... אַ לעבן אַדורכצוטראָגן דורך פייער און קויל,
סעקונדן אַזעלכע אין פיבער, אַדורכגעשווידערטע אין גרויל, —
צווישן בלייבייטשן און דעם נאָנטסטן חברס בלוט...

הויכע צייטגרענעצן שטייען און פאַרשטעלן אַלץ פאַר אייך,
און נישט איר קאָנט עס וויסן, און נישט איר קאָנט עס פאַרשטיין;
ביי אייך איז נאָרמאַל סעסן, און ביי אייך איז גלאַט סגעווין,
און דאָס לעבן פליסט זיך רואיק — ווי אַ שטילער טייך . . .

און מיר, הינט זענען מיר געווען! מיט אויסגעשטרעקטע צונגען,
און ברויטביסנס האָבן מיר אַדורכגעפירט דורך טעג פול שגעון . . .
און רעדן? — אַלץ מיט געשריי! מיט געבריל אין טאָן,
אויפגערודערטע: פון קלעפ, פון ווייטיק, פון הונגער . . .

שווער איך אייך קינדער אַז כוועל אייך דערציילן, אַז כוועל אייך לערנען,
נעמען וועל איך מיין לעבן, — פאַפירן דערפון מאַכן און אייך עס אַריבערוואַרפן,
ווייל אַמאָל וועט קומען אַ צייט ווען איר וועט וויסן באַדאַרפן:
פון לאַגערן, און פון טייוולאָנים אַזעלכע אין זעלנערשע קאַזאַרמען...

ניט ווייניקער עקספרעסיוו און עמאָציאָנעל, איז אויך די פאָעמע: „אַ וועלט גייט אונטער“. דאָרטן נעמען אָן לשון אַלע חפצים פון חדר, — און זיי רעדן מיט אַ מיסטעריעזע פאַרתלישער שפראַך...

עס רעדט: דער טיש, דאָס בענקל, דער שראַנק מיטן בעט, די סאָפע מיט די קליידער, דער אויוון מיט די טעפ, גאָפל מעסער מיט די טעלער; אַלעס, אַלעס רעדט, אַפילו די שאָטנס פון די ווענט רעדן: מיט דער פוסטער

שטילקייט פון די ליידיקע חדרים... יאָ, אַלעס רעדט — מיט עפּעס אַזאַ מין שוידערדיקער שפּראַך, וואָס פֿאַרפֿאָלגט דיך פּשוט ביז צום וואַנזין...

ס׳האָבן יעצט מאַטלען אַלע אין שטוב דערקענט, —
די בעטן און די סאָפֿע, די אויסגעקאַלעכטע ווענט . . .
אַלע האָבן באַקומען איצט לשון און געהער,
אַלע רייסן זיך צום וואָרט צו דערציילן וואָס מער — — —

פֿאַר דעם איינציקן וואָס איז נישט געווען דאָ און צוריקגעקומען . . .
פֿון וואַנען האָבן טעפּ און קליידער אַזויפֿיל לשון גענומען ? !
אַזויווי זיי — די וואָס מהאָט געשלעפּט אין שרעק,
וואָלטן זייער שפּראַך דאָ געלאָזט אין פֿאַרשטעק . . .

און אַליין אַוועק מיט די שטומקייט אויף די ליפּן — — —
אויף די טעלער איז געבליבן אַ רעשטל פֿון מיידליש כליפּן . . .
אויף דער קאָמאָד ליגט אַ היימישער ניט דערשריבענער סוד,
בלויז דער אָפֿענער סידור טענהט ווידער זיך אויס מיט גאָט . . .

די זעלביקע דיכטערישע וואָרקייט, ציטערט כמעט אין אַלע פּאָעמעס, אָנגעהויבן פֿון די שורות : „צו די וואָס זענען נאָך נישט געבוירן", „אַזוי איז עס צוגעגאַנגען", „און אַזוי האָט אַ שבתדיקע עדה אַוועקגעשפּרייזט צו גאָט", „אין טאָג פֿון אומגערעכטן משפּט", „דער לעצטער ייד אין געטאָ", „שלמה דער סטאָליער דערציילט", „צו אייך הונגעריקע און שקלאַפֿן מידע", ביז צו דער פּאָעמע : „אַ מענטש איז זיך מתודה".

עס זענען פֿאַרשידענע בילדער, מיט פֿאַרשידענע אינהאַלטן, און איבערלעבונגען, — נאָר אין די אַלע לידער שטראָמט דאָס זעלביקע בלוט, דאָס הייליקע בלוט ; פֿון הילפֿלאָזיקייט און מאַטירערשאַפֿט, פֿון רעוואָלט און פּראָטעסט, פֿון צער און צאָרן, פֿון חוזק און אמונה, פֿון פֿאַרצווייפֿלונג און לעסטערונג...

אָבער יעדער זילב, יעדערס וואָרט און שורה קלינגט, — ווי אַ ווידוי־תפֿילה, אָדער אַ קדיש פֿון אַ גרויסן ריינעם צוריקגעבליבענעם מאַרטירער, פֿאַר נאָך אַ גרעסערן און ריינערן, מאַרטירטן....

געוויס דערמאָנען אייניקע פּסוקים, בילדער און עפּיטעטן אָן ביאַליק׳ס „שחיטה־שטאָט", אָבער דאָס נעמט ניט אַוועק זייער שטאַרקייט און שטריגלער׳ס אייגנאַרטיקן נוסח... הגם דער אינהאַלט פֿונעם דאָזיקן פּאָגראָם־ליד איז ווי דאָס יידישע גלות אַלט, — איז די קלאָג ליידער תמיד ניי...

און דו לייענסט דאָס וואונדיקע בוך, כאָטש דו האָסט עס מורא צו לייענען... דו וואָלסט געוואָלט אַנטלויפֿן דערפֿון אָבער עס יאָגט דיך נאָך, און שמידט דיך אין זיינע גיהנומדיק ביטערע פּיינען...



שטריגלערס פּאָעמעס וועלן פֿאַרבלייבן ניט נאָר ווי מצבות נאָך אַ גרויסן אומגעקומענעם דור, — נייערט ווי אַן אייביק לעבעדיקע מאָנונג און דראָאונג : נאָך פֿאַרגעלטונג, אַ רוף נאָך יושר און אָפּשיי צו שנאה, אַ פּראָטעסט קייגן מאָרד און שדימדיקער וואַקכאַנאַליע... וואָס עס איז געווען פֿעאיק צו באַגיין, — דער אומענטש אין מענטשן אַקייגן אַ שוואַכערן מענטש פֿון אים...

דאָס בוך זאָל און מוז פֿון יעדן יידן געלייענט ווערן, ווייל אין דעם בוך שפּיגלט זיך אָפּ ניט נאָר בלויז אונדזער בלוטיקע הילפֿלאָזיקייט אַליין, נייערט אויך דער וואַנזיניקער באַגער נאָך גנבה, גזלה, רציחה פֿון דייטשישן איבערפֿאַלער, מיט דער מישטיינסגעזאָגטער הילפֿבאַדייטקייט פֿון אונדזערע גויאישע שכנים — מיט וועלכע מיר האָבן הונדערטער יאָרן צוזאַמענגעלעבט און געליטן...

איך גלויב אַז שטריגלער האָט געהאָט דעם כח אויסצוזינגען דאָס מאוימ׳דיקע אומקום־ליד פֿון זיין פֿאָלק, — וועט ער אויך זיין בכח אויסצוזינגען דאָס ליכטיק־גרויסע ליד פֿון זיין אויפֿקום...

---

ס. פּאַלמע

## דער שוישפּילער מאַרק מאַרקאָוו

אַלס ערן־גאַסט ביי שטענצל׳ס „שבת־נאָך־מיטאָג"

דער באַוואוסטער שוישפּילער און לייטער פֿונ׳ם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער גרענד פּאַליי — מאַרק מאַרקאָוו, וועלכער איז דעם יידישן לאָנדאָן גוט באַקאַנט אַלס חבר פֿון דער שרייבער־משפּחה, האָט מיט זיין באַזוך שבת, דעם דריטן מאַי, ביי שטענצלען, געטאַדלט די גרינג־שעצער פֿון די פּאָפּולער־געוואָרענע שבת׳דיקע נאָכמיטאָגס און במלאה דערמיט אָפּגעגעבן כבוד טאַקע דעם דיכטער א. נ. שטענצל און אַלץ דאָס מיט וועלכן ער איז קולטורעל פֿאַרבונדן.

מאַרקאָוו׳ס דערשיינען ביי שטענצלען איז שוין גאָר קיין צופֿאַל ניט געווען : ס׳איז אים באַקאַנט געוואָרן אַז דער דיכטער פֿייערט זיין פֿופֿציק־יאָריקן געבוירנסטאָג און אויך זיין פֿינף און צוואַנציק יאָריקן דיכטערישן שאַפֿן, איז ער אים, דעם בעל יובל געקומען באַגריסן, ווי ס׳פּאַסט אַז אַ קינסטלער זאָל עס טאָן צו אַ דיכטער, וועלכער האָט עס פֿאַרדינט.

אינטערעסאַנט און טרויעריק־שיין, האָט געקלונגען מאַרקאָוו׳ס שילדערן אַ געגנט אין די האַלב־פֿאַרלאָזענע גאַסן און געסלעך פֿון ווייטשעפּל, וועלכע האָבן מאָמענט, ווען ער האָט שטענצלען, שוין באַלד ביים אָנהויב פֿונ׳ם קריג, באַוויזן איבערגעשראָקענע און פֿאַרעלנטע אויסגעזען : ס׳איז שטענצל דעמלט געלאָפֿן מיט די נאָר וואָס דערשינענע בלאַס־ווייסע „העפֿטלעך" נאָך אַן טייוועלעך, ווי מיט נאַקעטע ציטערדיקע קינדער זיינע, כדי זיי פֿאַרנאַנדערצוטיילן, אָדער פֿאַרקויפֿן און געווען איז עס טאַקע אין אַ פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט, ווען די העפֿטלעך זיינע קומען אַרויס.

און טרויעריק איז שטענצלען געווען דעמלט אויף זיין געמיט, זעענדיק ווי דער יידישער, האַלב־דערשראָקענער עולם נעמט זיך גרייטן פאַר די נאַכטיקע באַהעלטענישן, ווער וואוהין און ווער וויאַזוי: איינער האָט געטראָגן אַ קישן און אַ קינד אָדער צוויי ביי דער זייט, אַ צווייטער אַ קאָלדרע מיט לאַטעס און אַן אַנדערער אַ מאַטראַץ און שטענצל האָט דערביי אָפּגעזיפצט.

דאָס האָט אייגנטלעך (אויף ריין טעאַטער לשון) געדינט פאַר מאַרקאָוו׳ן אַלס אַ שטוך־וואָרט, אָדער שטוך־וואונק און מאַרקאָוו האָט געפרעגט:

— וואָס וועט זיין?...

— גאָרניט וועט זיין! — האָט שטענצל ביילנדיק די פויסטן זיינע אָפּגעענטפערט — מיר מוזן דאָ בלייבן, דאָ זוי, און היטן דעם „בר־מנן“.

אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע געשוויגן און געגאַנגען כמעט ציל־לאָז צווישן די אומעטיקע געסלעך פון דעם פאַרלאָזענעם יידישן לאָנדאָן און שטענצל האָט פאָרגעזעצט:



מאַרק מאַרקאָוו



עטא טאָפּל

— זאָל צו מאָל ווייטשעפּל כאָטש האָבן עטא טאַפּל און מאַרק מאַרקאָוו, ווייל ווייטשעפּל ווערט פריילעכער אויפן האַרצן, ווען זיי גייען קוים פאַרביי. ווייטשעפּל ווייסט ווי אָפּצושאַצן אירע יידישע קינסטלער, וועלכע בלייבן מיט די איבערגעבליבענע, אַפילו ווען איר דאַרפט ביידע גיין אין די „באַהעלטענישן“ צו זיי דאָרט פּראָווען טעאַטער...

מאַרקאָוו האָט אים שטיל געדאַנקט פאַר די שיינע ווערטער און ביידע האָבן זיי פאָרגעזעצט דעם אומעטיקן שפּאַציר ווי צוויי טוריסטן און אויסגעוויזן האָט עס דעמלט צו מאַרקאָוו׳ן, ווי דער דיכטער האָט עס אויף זיך גענומען אַ מין שליחות אויסצופירן, צו בלייבן אויף דער וואַך מיט זיין מאַמע־יידיש און מיט זיין ליד גלייך ווי דער טייוול אַליין וואָלט דערפאַר צו אים קיין שליטה ניט געהאַט און אַז אַ „סירענע“ האָט זיך גראָדע דעמלט צעוואָיעט, האָט עס אים, דעם טאַטן פון די נאַקעטע העפּטלעך אויך ניט געאַרט: ער האָט שוין געוואוסט דעם וועג צו דער „טילבערי“, דאָרט וואו זיינע העפּטל־לייענער זיינען נאָר וואָס אַוועק און אויך אַהין צו זיי איז ער געגאַנגען און אַז דער גורל האָט אַהינצו געטריבן און צוזאַמענגעפירט אים מיט קריסט, האָט עס אים אויך ניט גע־



אָרט אַז אויך אַ גוי אָדער גויע, האָט ביי אים געגומען אַ העפּטל — זאָלן זיי צומאָל וויסן — האָט ער זיך דערביי געטראַכט, אַז דאָס יידישע וואָרט און ליד וועט און מוז איבערקומען אַלעמען אויפצופּיקעניש...

טייל גוים האָבן אים געשטיצט פאַר דרך ארץ וועגן און אַנדערע פאַר „טשעקאָוועס“ און טאַקע באַוואונדערט דעם דיכטערס מסירת־נפש׳דיקייט און די געקויפטע העפּטלעך אַוועקגעשענקט צו אַ יידן נעבן זיך.

אַזוי האָט דער שוישפּילער מאַרקאָוו פאַרגעזעצט זיין שילדערן און מאָלן שיינע־טרויעריקע בילדער פון יענער צייט, וועלכע איז דאַכט זיך שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג אַוועק.

ס׳האָט געזוכט מאַרקאָוו דערמיט אָפּצושאַצן דעם דיכטערס פאַרדינסטן פאַר דעם יידישן לאָנדאָן, אָט דעם יידישן ווייטשעפּל, אין וועלכן ער, דער דיכטער, האָט פאַר זיך דעראָבערט מיט שווערע אַרבעט, שווייס און געזונט אַ ווינקל און צי דאָס אימפּאָנירט ווּעמען צי ניט, איז דער ווינקל פון די מאַמע־לשון־העפּטלעך זיין און קיינער האָט קיין שום מאָראַלישן רעכט צו זוכן אין זיי מיקראָסקאָפּיש פלעקן און אויך אַהין אַריינצושפּייען, אַריינשרייען זידל־ווערטער אויף זיין חשבון, ווייל די שרייערס און די שפּייערס, זיינען ניט מער ווי קרענקלעכע ניט פאַרגינערס, וועלכע שרייען און שפּייען, זידלען זיך און וואַרפן שטיינער וואו נאָר ס׳איז אַ גאַנצע „שויב“ פאַראַן, זייער גאַנצן קלאָגע־דיקן לעבן, אַז ס׳איז ממש אַ ביטערער רחמנות אויף זיי.

ס׳גייט דאַן איבער דער גאַסט מאַרקאָוו צו מער יום טובדיקעס, ווי ער וואָלט זיך עס וועלן באַפרייען און אָפּשאָקלען פון גרין־קלעבעדיקע שפּינען, ווייל ער איז דאָך אייגנטלעך געקומען באַערן אַ דיכטער צו זיין געבוירנס־טאָג.

און ס׳מיש דאַן מאַרקאָוו אויף שטענצל׳ס בוך „דאָס קיילעכדיקע יאָר“ פון וואַנען ער לייענט דעם דיכטערס אַ ליד מיט פּאַטאָס און אייגנאַרטיקייט, וועלכעס ווערט אויפגענומען פונ׳ם גרויסן עולם מיט דרך ארץ און פאַרשטענדעניש.

אָבער די פאַרזאַמלטע האָבן ביי זיך געהאַט זייער טעאַטער־ליבלינג, מאַרק מאַרקאָוו און זיי האָבן פון אים נאָך עפּעס פאַרלאַנגט און ער האָט זיי נאָך עפּעס געגעבן, צווישן וועלכן ס׳האָט זיך געפונען די „גאָלדענע קייט“ פון פּרץ׳ן ז״ל.

ווער ס׳האָט דעם שבת־נאָכמיטאָג אויסגעפעלט, דער האָט זיכער פאַרלוירן אַן עכט־קינסטלערישן גענוס. דער נאָכמיטאָג האָט דערגרייכט דעם ניוואָ פון קינסטלערישער גאַנצקייט און דערהויבנקייט.

אליהו פאַלושאַק

## דער יידישער לעזער און זיין פרעסע

(דיסקוסיע)

ביי קיין שום פאָלק הערשט נישט אַזאַ פאַרבונדענקייט פונם לייענער צו זיין פרעסע, ווי ביים יידישן. נישט בחנם האָבן מיר יאָר טויזנטער געטראָגן די אויסצייכנונג פון אַן עם הספר. די ליבע צום ספר האָבן מיר שפּעטער איבערגעטראָגן אויפן מאָדערנעם בוך, די טעגלעכע, וועכנטלעכע אָדער צוויי־וועכנטלעכע צייטונג און דעם יידיש־זשורנאַל.

די פרעסע איז דער שפּיגל פון זיין פאָלק. אַזוי ווי אַ פאָלק איז אָדער אַ ישוב, אַזוי איז זיין פרעסע.

וואַרפן מיר אונדזערע בליקן אויף דער אַנדערער זייט פונם פּאַ דע קאַליי און לאַמאַנש נאָך פראַנקרייך (און צום טייל אויך בעלגיע) כאַפּט אונדז אָן אַ געפיל פון קנאה, ווען מיר זען די דאָרטיקע יידישע פרעסע. מיר דערמאָנען שוין גאָרנישט אַמעריקע, אַ ישוב פון קיין עין הרע 5 מיליאָן יידן, מיליאָנען פון זיי זעלבסטבאַוואוסטזיניקע קאָנסומענטן פונם לעבעדיקן יידישן וואָרט. די יידישע ישובים פון פראַנקרייך און בעלגיע האָבן טראָץ זייער מאַרטיריום אונטער דער דייטשער הערשאַפט געשווינט רעסטאַווירט און באַנייט זייער קולטור־טעטיקייט. די ערשטע רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער טעטיקייט זיינען געווען דאָס רעגלמעסיקע דערשיינען פון יידישע צייטונגען.

מיר ווייסן, אַז דאָרט מאַכט יעדע פּאַרטיי שבת פאַר זיך. די דאָרטיקע צייטונגען זיינען אָרגאַנען פון אַ באַשטימטער וועלט־אַנשויאונג און האָבן זיך זייערע באַשטימטע לייענער. אָבער אַלע צוזאַמען געבן אונדז אַ קלאָר און געזונט בילד פון אַ יידישן „שבט" מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונים, מיט זיין ביסל אָרעמקייט און רייכקייט, פרייד און ווייטיק. ס'איז דאָרט דאָ וואָס צו לייענען, און ס'איז אויך דאָ פון וועמען צו לייענען.

האָבן מיר דאָ אַ גרויסן ישוב, וואָס איז ברוך השם געוואָרן פאַרשוינט פון נאַצי־טיראַניי און פאַרניכטונג, און האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק פון אַ פרישן צווואוקס פון מזרח און צענטראַל אייראָפּייאישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן דעם גייסטיקן קאָנטאַקט מיט דער אַנדערער זייט נישט פאַרלוירן, און זיינען פריי פון אַלע אינסולאַרישע קאָמפּלעקסן, מיט וועלכע עס זיינען אָנגעשטעקט רחמנא לצלן די אמתע איינגעזעסענע (די כפול שמונה'דיקע), די האַלב־איינגעזעסענע און — זייערע „פּידזשאַן־אינגלישע" נאָכשלעפּערס.

מיר ווייסן, אַז מיט הונדערט יאָר צוריק אין דער צווייטער השכלה־עפּאָכע זיינען געווען גענוג קברנים און „קלאָג־ווייבער", וואָס האָבן „באַגראָבן" און מיט שמחה טרערן באַוויינט דעם „מיאוסן זשאַרגאָן". פופציק יאָר שפּעטער זיינען אַלע „עקספּערטן" געווען זיכער, אַז מיט דער איינפירונג פון צוואַנגס־בילדונג אין אַלע אייראָפּייאישע לענדער און מיטן אויפשטייגן פונם ציוניזם (און במילא אויך העברעאיש) האָט יידיש אַלס לעבעדיקע שפּראַך



שוין קיין שום טשאַנס נישט... זען מיר דאָך, אַז עס איז אַנדערש געוואָרן. גראַד אין די לעצטע 50 יאָר איז יידיש געוואַקסן און געוואַקסן אַלס בילדונגס־ליטעראַטור און קולטור־פאַקטאָר אויף אַ מאָס, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען פון אַמאָל. העברעאיש איז אין גלות אַלס קולטור־פאַקטאָר קוים געשטיגן. אין ארץ ישראל, יאָ. דאָרט איז עס נאַטירלעך. דער קאַמף קעגן יידיש פון אַ געוויסער אַזויגערופענער נאַציאָנאַל־יידישער קליקע האָט געברענגט צו לעכערלעכע רעזולטאַטן: דאָרט, וואו ס'איז נישטאָ קיין יידיש, איז אויך נישטאָ העברעאיש.

אונדזער שארית הפליטה האָט באַלד נאָך דער באַפרייאונג אַרויסגעוויזן זייער געזונטן יידישן קולטור ווילן. זיי, די באַפרייטע פון דער בלוטיקסטער טיראַניי, האָבן גראַד איצטער נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע געהאַט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן די גרויסע באַדייטונג פון יידיש נישט בלויז אַלס קולטור־פאַקטאָר, נייערט אויך אַלס אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגס און פאַרשטענדיגונגס־שפּראַך פון די צעזייטע און צעשפּרייטע. יידיש לשון איז געוואָרן דער לעבעדיקער עספּעראַנטאָ (דער אמתער עספּעראַנטאָ איז אַ קינסטלעכע און טויטע שפּראַך) פאַרן יידישן מענטשן. דער גרעסטער טייל פון די פעריאָדישע אויסגאַבעס אין די באַפרייטע יידישע ישובים ווערט אַרויסגעגעבן אין יידיש.

דאָ אין לאָנדאָן לעבן צענערטויזנטער יחידים, וואָס זייער מאַמע־לשון איז יידיש, זייער לעבענס־וועג איז אַ יידישער, זייערע דרכים און מנהגים זיינען יידישע, זייערע גייסטיקע באַדערפענישן וואָלטן אויך געדאַרפט זיין יידישע. צו די דאָזיקע באַדערפענישן געהערט די יידישע פרעסע: אַ טאָג־צייטונג, אַ וואָכנבלאַט און אַ ליטעראַרישער חודש־זשורנאַל, וואָס זאָלן נישט נאָר אָפּשפּיגלען לעבן, ווילן, קאַמף און שטרעבן פונם ישוב דאָ און אַנדערע יידישע קבוצים, נאָר זאָלן אויך געבן אַקטועלע ידיעות פונם לאַנד גופא און זיינע גרויסע ראַנגלענישן און פּראָבלעמען.

מיר יידן זיינען אַלס גאַנצקייט תמיד נאָך אַן עם הספר. און ביי אַן עם הספר איז אַ צייטונג נאָר דעמאָלסט אַ צייטונג, ווען זי האָט אַ ליטעראַריש פּנים. ליטעראַטור און טעאַטער זיינען ביים מאָדערנעם ייד צוויי לייכטענדיקע פאַקעלן אין זיין שווערן ביטערן לעבנס־קאַמף. אַ גוטע יידישע צייטונג מוז אָפּגעבן אַ געהעריקן פּלאַץ אָט די ביידע דערמאָנטע אינסטיטוציעס. איר אורטייל מוז זיין פריי און אומאָפּהענגיק.

אויך אין דער פּראָווינץ: אין דרום־ענגלאַנד, אין די מידלאַנדס ביז אַרויף אין צפון'דיקן שאָטלאַנד וואוינען צענערטויזנטער יידן, וועמענס מאַמע־לשון ס'איז יידיש. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען יידיש־לייענער און זיי ברויכן אַ גוטע יידישע צייטונג פּונקט אַזוי, ווי דער פלאַמער אין בעלגיע ברויך אַ גוטע פלעמישע צייטונג.

אַזוי ווי אַ מענטש, אַזוי האָט אויך אַ צייטונג אַ פּנים, אַ פיזיאָנאָמיע. גיבן מיר אַ קוק אויף די גרויסע צייטונגען דאָ מיט באַרימטע נעמען, מוזן מיר זיי

מקנא זיין מיט זייער הדרת פנים.

קענען מיר אויך דאָסזעלבע זאָגן וועגן אונדזער יידישער פרעסע? מען האָט אין דער לעצטער צייט געפירט אַסך שמועסן און טענהן איבער אונדזער פרעסע. דער יידיש־לייענער, זאָגט מען, איז מיט זיין פרעסע, זיין צייטונג נישט צופרידן. ס'איז צייט, אַז ס'זאָל פאַרקומען אַ שנוי.

דער באַקאַנטער אַרבעטער־טוער, דער רואיקער און זאַכלעכער מאָריס מינדעל האָט אין אַ סעריע רעפעראַטן, ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכ־גיש) אויסגעדריקט זיין באַדויערן איבער דעם טיפן מצב פון דער יידישער פרעסע דאָ אין ענגלאַנד.

מיטאָגס, איבער די יידישע פרעסע אין ענגלאַנד (געשיכטלעך און כראָנאָלאָ־

וויכטיק איז, אַז אַזוילאַנג, ווי ס'זיינען דאָ צענערטויזנטער יידן, וועמענס מאַמע־לשון ס'איז יידיש איז אויך דאָ די עקזיסטענץ באַרעכטיגונג פאַר אַ יידישער צייטונג, וואָס זאָל פריי זיין פון אַלע קאָמפּלעקסן פון ענגהאַרציקייט, פאַרטיי און פאַמיליען־פּאָליטיק. ביי דער שוין אַזוי שטאַרקער צוריסנקייט און דיסאָרגאַניזירטקייט פונם יידישן לעבן דאָ, דאַרף און מוז אַ גוטע יידישע טאָג אָדער וואָכנצייטונג זיין אַן אַלגעמיינע פאָלקס־זאַך, אַן אמתע פאָלקס־צייטונג, אַ שטאָלץ פאַרן גאַנצן יידישן ישוב.

און ווען ס'איז אמת: אַזוי ווי אַ פאָלק איז, אַזוי איז אויך זיין פרעסע, וועט מיט דער שאַפונג פון אַ גוטער יידישער פרעסע במילא אויך געהויבן ווערן דער פרעסטיזש און אָנזען פונם יידישן ישוב דאָ.

אָט גראַד דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער שכר.

---

**הערש שישלער** (יאָהאַנעסבורג)

## די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין דרום אפריקע

אינם ווייטן דרום אַפריקע האָט זיך לעצטנס גענומען באַוועגן. דער אַפריקאַנער יידישער ישוב הויבט אָן אויפצעוואַכן און אויפלעבן יידישלעך. אין די לעצטע חדשים איז שטאַרק צו מערקן, ווי עס קומט דאָ פאָר אַ שטיקל איבערברוך אינם אַסימילירט געוואָרענעם יידישן לעבן. אין פאַרשידענע טיילן פונם לאַנד איז צו מערקן ווי עס האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און אַרויסצורוקן יידישע קולטור־טעטיקייטן און אַקטיוויטעטן.

אין רעזולטאַט דערפון איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אינם יידישן לעבן אין דרום אַפריקע גערופן געוואָרן אַ קולטור־קאָנפערענץ. עס איז דער ערשטער מאָל, אַז דרום אַפריקאַנער יידן זאָלן קומען צו אַזאַ געדאַנק און צו אַזאַ באַשלוס צו רופן אַ קולטור־קאָנפערענץ אויף צו באַהאַנדלן



קולטור־ענינים, ווי נאָך צו הויבן דאָס חשיבות פון דער יידישער קולטור און יידישער שפּראַך אינם ווייטן דרום אַפריקע.

עס איז זער אַ דערפרייענדע געשעעניש. דער געדאַנק אַליין פון רופן אַזאַ קולטור־קאָנפערענץ, זאָגט שוין פיל צו, ווען אַפילו זי זאָל נישט ברענגען קיין צו פיל גינסטיקע רעזולטאַטן. נאָך מער דערפרייענד איז טאַקע, וואָס די דערמאָנטע קאָנפערענץ איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג און געהאַט אַ גרויסן דעמאָנסטראַטיווען באַדייט פאַר דער יידישער קולטור מיט אירע פילע אָנהענגער. עס האָט באַוויזן, אַז נאָך נישט אינגאַנצן איז יידיש אָפּגעשטאָרבן אין דרום אַפריקע און אַז נאָך פיל יידן אין דעם לאַנד האָבן גרויס פאַרשטענדניש און רעספּעקט פאַר דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור.

די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין דרום אַפריקע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָהאַנעסבורג איז גערופן געוואָרן אויפן לעצטן טאָג אין חודש מאַי און ערשטן זונטאָג אין חודש יוני ה. י. און האָט זיך געצויגן אין ביידע דערמאָנטע טעג פון פרי ביז שפּעט אין די נעכט. אינטערעסאַנט, אַז צו דער קולטור־קאָנפערענץ זענען געקומען אַן ערך הונדערט דעלעגאַטן פון פאַרשידענע גרעסערע שטעט פון דרום אַפריקע און אַפילו פון שכנות'דיקן רהאָדיסיע, אַן ענגלישע קאָלאָניע.

די קרוב הונדערט דעלעגאַטן ביי דער קולטור־קאָנפערענץ זענען געווען פאַרטראָטן פון פאַרשידענע .קולטור־אָרגאַניזאַציעס און פּראָגרעסיווע ריכטונגען איבערן לאַנד. דער ציל פון דער קאָנפערענץ איז געווען, ווי נאָך אויפצוהויבן און אויפצולעבן די יידישע שפּראַך און יידישע קולטור ביי די אַפריקאַנער יידן. פּאָליטיק און פּאַרטייאישקייט איז אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ זייט בכדי עס זאָלן אויסגעמיטן ווערן די חלוקי־דעות פון וועלכער עס איז פאַרטיי אָדער ריכטונג אויף נישט צו שטערן דעם גאַנג פון דער אָנגעצייכנטער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז אַלעמען געווען טייער און צום האַרצן.

בעת די דעבאַטן אויף דער קאָנפערענץ האָט געהערשט אַ שטאַרק יום־טוב'דיקע אַטמאָספערע און אַ ווילן פאַר פאַרשטענדניש, באַזונדערס האָט זיך דאָס אַרויסגעזען ביים אָננעמען פון פאַרשידענע רעזאָלוציעס און ביים שטימען, דאָס האָט פיל געמוטיקט די קולטור־טוער, אַז אַן אויפלעבונג פון דער יידישער קולטור אינם ווייטן דרום אַפריקע, איז מעגלעך.

די דערמאָנטע קולטור־קאָנפערענץ האָט אַריינגעברענגט פיל לעבן. פיל פון די יידישע אינטעליגענטע מאַסן וואָס האָבן אַ חוש און פאַרשטענדניש פאַר דער יידישער קולטור, האָבן באַזוכט די קאָנפערענץ און זיך צוגעהערט צו די רעדעס און רעפעראַטן. פיל פון די געקומענע דעלעגאַטן האָבן אין זייערע באַריכטן איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן דעם יידישן

לעבן אין זייערע שטעט און וועגן די פּרוּוון, ווי נאָך צו פאַרשטאַרקן און צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט, וועגן די טעטיקייטן וואָס ווערן דורך זיי אָנ-געפירט אין זייערע שטעט און וועגן זייערע פּלענער אויף להבא אויף צו שטאַרקן די יידישע קולטור.

פיל דעלעגאַטן פון אַנדערע שטעט האָבן באַשולדיקט יאָהאַנעסבורג, די גרויסע שטאָט מיט דער גרעסטער צאָל יידישע איינוואוינער וואָס האָט פאַר-שוויגן אַזוי פיל יאָרן און נישט אָנגערעקט און אָנגעוויזן אַנדערע שטעט, ווי נאָך צו אָרגאַניזירן און אויפצולעבן דאָס יידישע לעבן מיט דער יידישער קולטור אין לאַנד.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די קולטור־קאָנפערענץ איז געקומען אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער שטאָט פּאָרט-עליזאַבעט — און נישט פון יאָהאַנעס-בורג וואו עס קאָנצענטרירט זיך דער גרעסטער טייל פונם אַפריקאַנער יידנ-טום מיט דער גרעסטער צאָל יידישע געזעלשאַפטן. דאָס אַליין איז אַ באַווייז ווי אין אַנדערע שטעט פון דרום אַפריקע, האָבן אַפריקאַנער יידן גענומען דערשפּירן די נויטווענדיקייט און די באַדערפענישן פאַר גייסטיק יידיש לעבן.

די קאָנפערענץ איז געשטאַנען אויף אַ הויכע מדרגה, איר ציל איז גע-ווען ווי צו הויבן און אויסצובעסערן דאָס יידישע קולטורעלע לעבן אין לאַנד. דער פאַקט פון דער קולטור־קאָנפערענץ, איז שוין אַליין אַ דערגרייכונג פאַר דער יידישער קולטור אין דרום אַפריקע, וואָס איז ווערט באַגריסט צו ווערן.

וויפיל שאַטירונגען און פאַרטייען עס האָבן זיך אין דער קאָנפערענץ באַ-טייליקט, האָט זיך אָבער דאָך געשפּירט אַ שטאַרקע האַרמאָניע פון פאַר-שטענדעניש אין דער צוזאַמענאַרבעט פון הויבן דעם גייסטיקן מצב פון יידישן לעבן אין לאַנד. דאָס איז געווען באַזונדערס זייער שיין און איז געווען אַ גו-טער אָנהויב אין דער פאַרשטייענדער וויכטיקער אַרבעט.

עס איז אויף דער קאָנפערענץ געשאַפן געוואָרן אַ קולטור־פעדעראַציע, וואָס איר ציל איז אויסצוברייטערן דעם יידישן שול-וועזן אין דרום אַפריקע, צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און אויסברייטערן אירע טעטיקייטן אויף אַלע קולטור־געביטן איבערן לאַנד.

הלוואי, אַז די ערשטע יידישע קולטור־קאָנפערענץ אין דרום אַפריקע, זאָל חלילה נישט בלייבן די לעצטע. אַזעלכע קאָנפערענצן זאָלן אָפטער פאָר-קומען און מיט דערפאָלג, זיי זאָלן אַריינברענגען ליכט, האָפנונג און יידיש לעבן צווישן די אַסימילירט געוואָרענע יידישע מאַסן אין דרום אַפריקע, זאָל זיך אָנהויבן אַ ניי יידיש לעבן, אַ נייע קולטור־פּאָזיציע אויף אָט דעם קאָנטי-נענט צו להכעיס די יידישע שונאים און שונאים פון יידיש.



אַלגאַריער

## אויף פרעמדע וועגן

### דערציילונג פון שמחה סנה, 80 זייטן. אָפּשאַצונג

צו די טויערן פונ׳ם טעמפּל פון אונדזער שיין-ליטעראַטור, איז אויף אַ כמעט ברענענדיקן רייט־וואָגן, געקומען אַנצורייטן שמחה סנה.

זיין דיביוט האָט ער געמאַכט אינ׳ם מערץ־נומער „לשון און לעבן" מיט דריי לידער: „מגילת אסתר", „דער שיכור׳ער סאָנעט" און „אַ בריוו קיין כפר גלעדי". אויך אינ׳ם זעלבן נומער „לשון און לעבן" האָט זיך געפונען אַ פראַג-מענט פון „בלעטלעך פון מיין טאָג־בוך" (אין פּראָזע) וועמעס ערשטער פּאַרע-גראַף איז אין סנה׳ס „וואָרט אויף צופריער" פון זיין בוך „אויף פרעמדע וועגן" וואָס לייענט זיך:

„אין מיין טאָג־בוך האָב איך געהאָט אַמאָל געשריבן:

„און ס׳קאָן זיין אַז מיט אָט דעם העפט וועט געשען דאָס זעלבע וואָס עס איז שוין מיט אַזוי פיל מיינע שרייבעכצער געשען. א.אַז.וו.

מיר ציטירן דאָס באַלד ביים אָנהויב, כדי דערמיט פאַרצושטעלן די כאַ-ראַקטער־שטריכן פון סנה אַלס אַ זעלנער, וועלכער דאַרף צווישן פאַרשיידענע זעלנערישע געפּעקן, אויך אָפּהיטן זיינע „שרייבעכצער" און ערשט דאַן זיי פאַרלירן און שאַפן אַנדערע אויף זייער אָרט און אויך ניט פאַרגעסן אָנצומערקן ביים אָנהויב, אַז ס׳איז אַ ווידמונג דעם הייליקן אָנדענקען פון זיין מאַמען: — טובה בת אהרון־דוב, וועלכע איז געשטאָרבן אויפן וועג, ווען מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פונ׳ם שטעטל און וועגן וועלכן זיין שוועסטער לאָזט עס אים וויסן — „איך שרייב דיר דעם טאָג זאָלסט וויסן ווען ס׳איז יאָרצייט..."

הגם טרויעריק, דאָך שוין אָן אַריינפאָר אין אונדזער יידישער ליטעראַ-טור און ס׳איז אפנים געווען מיט׳ן רעכטן פוס, ווייל שפּעטער קומט ער מיט אַ לענגערע פּאָעמע אין דער לאָנדאָנער „די צייט": „שרייב מיר אַ בריוועלע, מאַמעשי" און אויך אַ לענגערע פּאָעמע „שבת־מלכתא" אין דער „פרייע יידישע טריבונע" ווערנדיק נאָכגעפאָלגט מיט „אויף פרעמדע וועגן" אין בוך־פאָרם וואָס מיר באַהאַנדלען איצט און וועלכעס וואָלט אייגנטלעך געקאָנט אָנגערופן ווערן סנה׳ס דיביוט נומער צוויי.

פרייען מיר זיך וואָס ער האָט טאַקע דעם געפּעק זיינעם ביי אונדז אין לאָנדאָן אויסגעפּאַקט.

ביי דעם „יונגן" שמחה סנה איז דאָס בוך „אויף פרעמדע וועגן" אַן „ערשטלינג" און מיר וועלן אים זאָגן — מיט אַ סך מזל, ווייל ער איז צו אונדז אָנגעקומען מיט שוין אויסגעוואַקסענע און באַפעדערטע פליגלען, וועלכע פאַר-מעסטן זיך צו פליען אויף פעלזיקע הויכן, סיי מיט ליד און סיי מיט פּראָזע און זיי פירן שוין אַ „קאַמף" צווישן זיך: וועלכעס פון זיי ביידן (ליד אָדער פּראָזע) ס׳זאָל דערגרייכן צום שפּיץ פון דעם פעלז און דאָרט פאַרבלייבן...

און אַז סנה איז שוין יאָ צו אונדז געקומען באַפליגלט און באַפּעדערט מיט אַ ניט זער געצערטלטע ראַפינירטקייט, ווי ס׳איז ניט דער שטייגער און „ערשטלינגע״, וועלן מיר אים ניט צוטיילן די פּריווילעגירטע צערטלעכקייט וואָס אַ „יונגער״ קריגט פון אַן עלטערן קאָלעגע, וועלכער וויל ניט זיין צו שטרענג און מיר וועלן זיך באַלד ביים אָנהויב פרעגן ביי אים: פאַרוואָס זאָל זיך „אויף פרעמדע וועגן״ דווקא אָנהויבן מיט — „פיר זענען זיי״ און ניט „פיר זענען מיר״? איז עס דערפאַר וואָס די פיר ווערן ווי אָפּגעשאָפּן באַלד נאָכן אַריינפאָר ביז צום סאַמע לעצט ווען דער לייענער ווייסט שוין אַלץ און זיי זיינען דעמלט ווי איבעריקע געסט אויף אַ שמחה מיט צוגעטיילטע „פאַרציעס״...? נאָר אַז שמחה סנה מיט אַ פאַרמעסט האָט עס אַזוי געוואָלט, אין דאָך ניט שייך.

אָבער די פרעמדע וועגן זיינע, בלייבן דאָך ניט, דערפאַר אַזוי פרעמד, שוין צוליב די היימישקייט פון שפּראַך און גאָר וואַרימע בילדלעכקייט און וואָס קאָן זיין מער וואַרימער ווי אַ באַקוועמע ליבע בעט, אַרום וועלכער דאָס בילדלעכע ווערט בילדלעכער מיט אַלע געזונטע אינסטינקטן פון דעם בוהיי אינ׳ם ברייטן פעלד ווען ער דערשמעקט זיין זיווג...?!

זיצן זיי, די פיר, אין אַ פאַרנדיקן, ברייט־אָפענעם וואַגאָן און ס׳קימערט צו מאָל ניט קיינעם פון זיי, די מעגלעך שיינע פּאַנאָראַמע, וועלכע זיי פאָרן פאַרביי און וועלכע קאָן אפשר זיין אַזוי עקזאָטיש־רייצנד ווי ס׳איז דאָס לאַנד אַלס גאַנצע, אַז ס׳פאַרדריסט ממש וואָס דער מחבר האָט זיך כאָטש אויף אַ קליינע ווײַלע ניט אָפּגעשטעלט געאָגראַפיש, איבער אָט דעם כמעט פאַר אונדז לעגענדאַרן לאַנד, ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר, אַז אוזבעקוסטאַן קאָן זיין, נאָר אַז שמחה סנה האָט אַזוי פאַרטראַכט „אויף פרעמדע וועגן״ איז, — מילא.

מיר געפינען אין דער דערציילונג קאָמפּלעצירטע און אַפילו ריין־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן איבער וועלכע פּסודאָ־אינטעלעקטואַלן וועלן זיך אפשר גריבלען, אָבער דער דורכשניטלעכער לייענער גלויבט דעם מחבר אויפן וואָרט ווען ער האָט פאַר זיך אַזוי פיל אָנציענדע עכטקייט און לעבעדיקע באַוועגלעכקייט, ווי ער געפינט עס אויף סנה׳ס פרעמדע וועגן כמעט אין יעדן בילד און סיטואַציע.

אויך דאָס מאַלערישע ביי אים איז מאַלעריש און קאָליר־רייך: אַלץ לויט זיין שטייגער איז אויף אַן אָרט און מיט גענוג באַלאַנס, ווי מען געפינט עס אַמאָל ביי אַ געניטן קינסטלער סיי אין וועלכן „מידיום״ ס׳זאָל ניט זיין, — הגם ס׳זיינען ביי אים אויך פאַראַן אַ היפּש ביסל צופעליקייטן, ווי דאָס ניט וועלן אויסנוצן מאָמענטן אויב ניט אַנטלויפן פון זיי, ווי ס׳איז דער פאַל מיט די פיר אין וואַגאָן; אגב מערקט זיך ווי ער האָט דאָך געזוכט דעם פּראָפּאָרץ צווישן אַקציע און שפּילעוודיקע ליידיקייט און דאָרט וואו ס׳געלינגט אים, איז עס ווי געוואונטשן, ווייל דער לייענער קאָן דעמלט פּשוט אָפּאָטעמען און נאָכדענקען איבער דאָס וואָס ס׳איז פאַרגעקומען, — דאָס אַליין העלפט שאַפן



די גאַנצקייט פון׳ם בילד, טאַקע ווייל ס׳איז ניט פּרעטענזיעז נאָר פּשוט־מענטשלעך מיט אַלע ריין־מענטשלעכע עמאָציעס.

איצט די עראָטיק זיינע שאָקירט ניט, וועלכע וואָלט אפשר געקאָנט אָנגערופן ווערן: „סאָלדאַטישער רעאַליזם״ באַגלייט מיט „פיינקייט״ און פאַרוואָס ניט? אין גרונט גענומען זענען דאָך מערסטע סאָלדאַטן „פיינע קינדער פון דער היים״ און די פיינקייט זייערע קומט צום אויסדרוק ווען סיטואַציע מאָנט עס, ווי ס׳איז דער פאַל מיט דאַווידן, ווען זיין אוזבעקישע פעניע פאַרגייט אין „אַנדערע אומשטענדן״ און ס׳איז אַ שאָד וואָס דער טייוול מישט זיך אַריין פיל פריער, וואָס דאַוויד האָט די געלעגנהייט צו זיין אויף אַן אמת פיין...

דער לייענער פון דעם שניט ליטעראַטור וועט אָן צווייפל אינטריגירט ווערן פון די אונצאָליקע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, וואָס ער וועט געפינען אין דער דערציילונג, אָבער שטענדיק לאָזט ער אַזעלכע פּראָבלעמען צו זייער אייגענעם גורל אַז זיי זאָלן שוין אויסקומען צווישן זיך, ווייל ער ווייסט, אַז ריין־מענטשלעכע עמאָציעס, מעסט מען ניט מיט אַ מאָס און מען וועגט זיי ניט לויט אַ געוויסע וואָג פון דעמס און יענעמס באַגריף איבער מאָראַל און זיטלעכקייט...

אָבער „ערשטלינגע״ האָבן אַ טבע פון קאָנען שאַפן סופּריזן און צופעליקייטן און ווער נאָך אַחוץ אַ ערשטלינג, וואָלט אונדז געקאָנט שאַפן אַזאַ מין סופּריז ווי מיר געפינען עס ביים פּלוצלינגן אויפלעזן זיך פון די חנ׳עוודיקע אוזבעקישע פאַניע, ווען מיט איר הערט אַלץ אויף אָוטאָמאַטיש און ווען אַלץ איז שוין טאַקע דערליידיקט, האָבן מיר דעם אַנטיקלימאַקס, מיט דעם אויפדאָסניי דערשיינען פון אָט יענע דערמאָנטע פיר אין וואַגאָן, וועלכע שוואַכן אָפּ דאָס פאַרגאַנצן זיך פון אַ פּרעכטיקן בילד און וועלכע זיינען שוין דעמלט פאַר אונדז געוויי אַזוי איבעריק, ווי ס׳איז ביים ניט זייער פרומען אידן דער כזית פאַרלעגערטן אפיקמן, נאָך אַ זייער געשמאַקן סדר־מאָלצייט... אויב מיר זען עפּעס ענליכעס אויפן עקראַן, איז עס דאָך אַ טייל פון דער אַלגעמיינער קאָנסטרוקציע פון דער שאַפונג אַלס אַזעלכע און דער מחבר בלייבט אונדז ניט דאַדורך אַ בעל חוב, — אָבער דאָ אין „אויף פרעמדע וועגן״, האָבן דאָך די פיר געקאָנט אַזוי פיל מיטלעבן, אַזוי פיל ביישטייערן צו די דאַווידס, דאַשעס און פאַניעס און בכלל וואָלט דעמאָלט „אויף פרעמדע וועגן״ געקאָנט אַרויסקומען מער גאַנצער און פּערפעקטער — נאָר גיי שפּאַר איבער אַן „ערשטלינג״, וועלכער וויל זיין אַזוי אַנדערש און מיט זיין אַנדערשקייט, מיט אַזוי פיל אייגענע פאַרטראַכטונג.

ווי שוין געזאָגט, מאַכט ניט סנה דעם אָנשטעל מיט דעם געפוצטן און פּולירטן מעטאַפאָר צוליב „אָנשטענדיקייט״ וועגן, ווי ס׳איז דער פאַל מיט מחברים, ווען זיי האָבן אין זינען דעם „עסטעט״ אָדער גאָר דעם פּראָפעסיאָנעלן „מאָראַליסט״. די שפּראַך ביי אים איז פּשוט און קרעפטיק און אָטעמט מיט אויטענטישקייט און דאָס איז דאָך דאָס ווײַכטיקסטע אין יעדן מין שאַפונג.

און אָט ווי שמחה סנה גיט אונדז אַ מוסטער פון זיין יידיש:
„איך וועל טאַנצן מיט דיר — האָט פעניע פלוצים אַ זאָג געטאָן".
„און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן טאַנצן דעם משונה׳דיקסטן טאַנגאָ וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבן געטאַנצט" און ווייטער:
„איך האָב זי צוגעדריקט פעסט און דורכן דינעם שטאָף, האָב איך געפילט איר קערפּער, ס׳איז געווען מיידלש־פריש און יאדרעדיק, אָבער ווייך מיט יענער צוזאָגעוודיק־פרויאישער ווייכקייט, וואָס גיט זיך אונטער מיט יעדע באַוועגונג דיינע..." און נאָך ווייטער:
„זי האָט מיך צוגעווינט צו איר קערפּער, ווי מען געווינט צו אַ שיכור צום בראַנפן. אין איר אוממיטלבאַרער, פון אינסטינקטן באַהערשטער פרימיטיווקייט איז געווען אַ ים פון פרויאישער, ניט באַפרידיקטער ליידנשאַפט..."
קאָמענטאַרן איבער אַזעלכע דיאַלאָגן איז שוין מער ניט נויטיק. דער לייענער האָט פאַר זיך מיט צוזאָג, אַ מאָרגנדיקן קרעפּטיקן שרייבער און דיכטער, וועלכער קאָן אונדז נאָך מיט גאָר אַ סך איבעראַשן און ס׳איז דערפרייענד און פריש אַן אָפּוועקסלונג נאָך אַזוי פיל בלוט, צער און טרערן־ליטעראַטור, וואָס די זעלבע מלחמה האָט אינספּערירט צום שאַפן און ס׳בלייבט בלויז צו זען ווער פון ביידע, דער דיכטער אָדער דער דערציילער אין שמחה סנה, וועט דערגרייכן דעם שפּיץ פון׳ם פעלז — און אפשר ביידע?

## די ערשטע אלגעמיינע פארזאמלונג
### פון „פריינט פון יידיש לשון"

זונטאָג, דעם 8־טן יוני 1947, איז אין „ווינדאבאנא" רעסטאָראַנט, 235, וויטשעפּל רויד, אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון".

ביי דעם עולם מיטגלידער וועלכע זענען געקומען זיך באַטייליקן אין דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דעם אַקטיווסטן יידיש־קולטורעלן פאַראיין אין דער יידיש־רעדנדיקער גאַס דאָ אין לאָנדאָן — זיי האָבן אַלע געוואוסט אַז מ׳וועט דאָרט קיין דיווידענדן נישט אַנאָנסירן — האָט זיך טאַקע נאָך פאַר דער עפענונג פון דער פאַרזאַמלונג געפילט אַ חברישע שטימונג פון נאָנטער אָנגעהעריקייט און צוגעהעריקייט איינער צום אַנדערן.

אויבנאָן, אין דער ערשטער ריי, זענען געזעסן די וועטעראַנען און דער אַוואַנגאַרד פון דעם פאַראיין — משה עובד, א. נ. שטענצל, י. ביעטש, א. פאַלושאַק, י. גאָלדבערג, א.א. עס זענען אויך געווען אנוועזנד חשובע געסט, פריינט פון יידיש לשון, ווי הרב שפּעטמאַן, ל. ש. קרעדיטאָר, דער באַקאַנטער אַרבייטער־פירער און קולטור־טוער, מ. מינדל, מרס. דון־יחיא, די לייטערין פונם רידינג רום, א. אַנד. די יידישע פּרעסע איז אויך געווען פאַרטרעטן דורך אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער ענגליש־יידישער צייטונג, די „דזשואיש קראָניקל".

דער פּרעזידענט פונם פאַראיין, משה עובד, וועלכער האָט געפירט דעם פאָרזיץ האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג, באַגריסט אַלע אנוועזנדע, און געדאַנקט



זיי פאַר זייער קומען צו דער פאַרזאַמלונג, מיט וועלכן זיי האָבן באַוויזן זייער געטריישאַפט און אינטערעס פאַר דער נויטווענדיקייט, עקזיסטענץ און טעטיקייט פון פריינט פון יידיש לשון. ער האָט איבערגעגעבן די פאַרזאַמלונג אַ גרוס פון מרס. דארא דימאנט, וויצע פּרעזידענטין פונם פאַראיין וועלכע האָט צוליב איר שוואַכן געזונט־צושטאַנד נישט געקענט קומען. אינם נאָמען פונם פאַראיין האָט ער איר געדאַנקט פאַר איר אומדערמידלעכער אַרבייט, ספּעציעל פאַר די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, דורך די לעצטע 10 יאָר. דער פּרעזידענט האָט דאַן פאָרטגעזעצט:

„מיר, אַ הייפל מענטשן, וועלכע שטייען ביים רודער פון „פריינט פון יידיש לשון", שטייען ביים קוואַל פון מים חיים און טראָגן צו עמער וואַסער צו די פאַרטריקנטע און פאַרדורשטיקטע, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון דעם יידישן קוואַל; עס דערמאָנט מיך אין אַ אינצידענט בשעת׳ן בליץ, ווען גאַנצע גאַסן אין לאָנדאָן האָבן געברענט און די פייערלעשער האָבן נישט געהאַט קיין וואַסער מער צו לעשן די ברענענדיקע הייזער, דעמלט האָב איך געזען אַ פאַטעטיש בילד ווי אַ פייערלעשער האָט אונטערגעטראָגן עטלעכע עמער וואַסער צו לעשן בכדי נישט צו שטיין מיט פאַרלייגטע הענט. עס איז געפאַלן אויף אונדז דער חוב דאָס צו טון. מיר טאָרן נישט גלייכגילטיק צוקוקן ווי דאָס פייער שלינגט איין וואָס אַמאָל מער יידישע הייזער. מיר מוזן אונטערטראָגן אונזערע עמער וואַסער. מיר האָבן געפונען אין שטענצל׳ן דעם שליח־ציבור אונדזערן. מיר ווילן האָבן אַ יוגנט וואָס זאָל נישט זיין פאַרפרעמדט פון יידיש און העברעאיש — נאָר אין די צוויי לשונות קענען מיר זיך ריכטיק יידישליך אויסלעבן און חלומען אונדזערע חלומות. ביידע שפּראַכן זענען אברים פון אונדזער פאָלקס־קערפּער אָן וועלכע מיר קענען נישט לעבן".

דער פאָרזיצער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע מיט אַן אַפּיל צו די פאַרזאַמלטע צו אונטערשטיצן דעם פאַראיין מיט אַלע מיטלען און אויך ווערבירן פאַר מיטאַרבייט זייערע פריינט. דאַן גיט ער איבער דאָס וואָרט צו א. נ שטענצל, וועלכער האָט געזאָגט צווישן אַנדערעס:

„היינט איז פונקט 9 יאָר זייט די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס האָבן זיך אָנגעהויבן אינם יידישן רידינג רום. פאַר דעם קומט אַ דאַנק מרס. דון־יחיא, און זי איז היינט אויך געקומען צו אונדזער פאַרזאַמלונג.

„פון אַ קימא-לן פון דריי מבינים יידן, וואָס פלעגן קומען צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס אינם רידינג־רום, האָבן מיר דורך אונדזער עקשנות׳דיקער רעגלמעסיקייט געברענגט דערצו אַז די זעלבע י.ל.ש.נ. ווערן איצט שוין באַזוכט פון קרוב 300 יידישע מענער און פרויען, צווישן וועלכע עס וואַרפט זיך לעצטנס אויך אַדורך אַ יונגערער עלעמענט. יעדנפאַלס קען מען זאָגן אַז זעלטן איז די באַזוכער־צאָל ווייניקער ווי 100 מענטשן.

„אין 1940 האָב איך אָנגעהויבן אַרויסגעבן דאָס העפטל, וועלכעס איז בינו־לבינו פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן". איך האָב דאָס דעמלט דערפילט פשוט אַלס אַ נויטווענדיקייט אויס־

צופילן די קולטורעלע לעערקייט און פוסטקייט וואָס האָט דעמלט געהערשט. דאָס העפטל האָט זיך אָנגעהויבן מיט 8 און שפּעטער 16 זייטלעך. איצט איז דער זשורנאַל אויסגעוואַקסן צו 64 זייטן. פאַרשטייט זיך אַז די אַרבייט ווערט מערער און עס פאָדערן זיך גרעסערע כחות. אַ פאַקט איז אַז דער אינטערעס פאַרן זשורנאַל איז מיט דער צייט געוואַקסן, סיי דאָ אין לאַנד, סיי מעבר־לים. אַ גרויסע צאָל מענטשן, אַז עס דערנענטערט זיך צום ערשטן פונם חודש, קוקן זיי שוין אַרויס אויפן דערשיינען פונם זשורנאַל — דאָס איז אַ כבוד פאַר אונדזער ישוב דאָ, אַז יידן אין ענגלאַנד זענען נישט בלויז סוחרים און פאַראַזיטן נאָר אויך קולטור־מענטשן. יידיש איז לעת־עתה נאָך אונדזער איינציקע קולטור־שפּראַך! נאָר מיט יידיש קענען מיר אויסדריקן אונדזערע געפילן אומבאַוואוסט. און דאָס איז נאַטירלעך לעבן, נישט געקינסטלט.

„אונדזער ישוב האָט געהאַט די זכיה אַז ווען יידיש איז געווען פאַרבאָטן כמעט אין גאַנץ אייראָפּע, האָבן מיר דאָ זיך געקענט דערמיט באַנוצן — מיר מוזן עס ווייטער אָפּהיטן ווייל דאָס איז אונדזער אָטעם!"

דאָס וואָרט באַקומט דאַן מר. ביעטש, וועלכער, אַלס קאַסירער גיט אָפּ דעם פינאַנציעלן באַריכט פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר, און ענדיקט דעם רעפּאָרט מיט פאָלגענדע ווערטער:

„נאָך יעדן שבת קומט דער אינדערוואָכנס. קיין שום פאַראיין קען נישט אָנפירן קיין טעטיקייט אָן פינאַנציעלע מיטלען. און דערצו באַווייזן מיר מיט פּראָפּאָרציאָנעל ווינציקע געלד־מיטלען אויפצוטון זייער אַ סך אין דער פאַרשפּרייטונג פון יידישער קולטור צווישן די מאַסן, וועלכע ווערן פאַרנאַכלעסיקט פון די גרויסע פּאָליטישע און דערציערישע אָרגאַניזאַציעס און פאָנדן אין ענגלאַנד. בכדי מיר זאָלן אין צוקונפט קענען אויספירן אונדזער אַרבייט בשלימות מוזט איר אונדז מיטהעלפן מיט אַלע מיטלען".

דעם אָרגאַניזאַציע־באַריכט גיט דאַן אָפּ וו. פּאלושאק, וועלכער זאָגט פאָלגענדעס:

„אונדזער פאַראיין ליידט דערפון וואָס ער באַזיצט אַ סך אָפּיצירן און ווייניק פּראָסטע סאָלדאַטן. יידישע קולטור־אַרבייט אין לאָנדאָן איז בכלל אַ שווערע ווייל דאָס יידישע לאָנדאָן באַשטייט פון קליינע אינזעלעך צושפּרייט איבער דער גרויסער שטאָדט. די צאָל אַבאָנענטן פון „לשון און לעבן" איז זיך זייער צעוואַקסן און מיר האָבן איצט שוין אַן אויפלאַגע פון קנאַפּע 1000 אַבאָנענטן. דאָס איז אַ גרויסער דערפאָלג פאַר אַ ליטעראַרישן יידישן זשורנאַל! די זשורנאַלן ווערן אויך געשיקט בחינם אין די לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע. מיר מוזן אָבער אויך פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער פון אונדזער פאַראיין, וועמענס טעטיקייט איז איצט געוואָרן אַזאַ גרויסע אַז עס פאָדערט זיך שוין אַ טעכנישער אַפּאַראַט, פאַר וועלכן עס נויטיקט זיך געלד־מיטלען". דער פאָרזיצער גיט דאַן דאָס וואָרט הרב שפּעטמאַן וועלכער זאָגט:

„איך בין אַ פריינט פון יידיש לשון, ווייל דאָס איז די שפּראַך פון אונדזערע הייליקע טאַטעס און מאַמעס, די קדושים. אין יידיש ליגט אונדזער נשמה,



אונדזערע טיפסטע געפילן פון די לעצטע טויזנט יאָר. אַזאַ אוצר קענען מיר נישט און טאָרן נישט בידיים אָוועקוואַרפן.

„גייט ווייטער אָן מיט אייער אַרבייט טראָץ אייערע שונאים. איך ווינטש פון גאַנצן האַרצן אייער אַרבייט זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג".

הרב שפּעטמאַן שליסט זיינע ווערטער מיט אַ פאָרשלאָג אַז פריינט פון יידיש לשון זאָלן אָפטער איינאָרדנען מאַסן־פאַרזאַמלונגען אויך אין זונטאָג, בכדי צו דערמעגלעכן מער יידן וואָס וואוינען נישט אין דער איסט־ענד צו געניסן פון יידישער קולטור. ער שלאָגט אויך פאָר צו פאַרגרעסערן דעם זשורנאַל מיט נאָך אַ בויגן.

עס רעדט נאָך חזן שמואל ראט, וועלכער שטיצט רבי שפּעטמאַנ׳ס פאָרשלאַגן. מר. עלנצווייג קריטיקירט די יידישע שרייבער, הלמאי זיי זענען נישט געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, הגם זיי האָבן אין די י.ל.ש.נ. די דאַנקבאַרסטע פּלאַטפאָרמע.

מען טרעט דאַן צו צו די וואַלן, וועלכע ווערן אַדורכגעפירט פון ה׳ י. גאָלדבערג, וועלכער שלאָגט פאָר פאָלגענדע ליסטע אינם נאָמען פון דער ביז איצטיקער עקזעקוטיווע, וועלכע ווערט פון דער פאַרזאַמלונג אָנגענומען:

פּרעזידענט: משה עובד; וויצע־פּרעזידענטן: י. ביעטש, דר. ישראל פעלדמאַן, ל. ש. קרעדיטאָר; טשערמאַן: א. נ. שטענצל; טרעזשורערס: שמואל ווייט, א. פאוקס; האָנ. סעקרעטאַר: י. גאָלדבערג.

עס איז אויך געוועלט געוואָרן אַ קאָונסיל אין וועלכן עס זענען אַריין פאָלגענדע פּערזאָנען: א. פּאַלושאַק, נ. רובין, אייזיק גאָלדבערג, דאָראַ דימאַנט, מרס. שפּיגלמאַן, מרס. מייזל, מרס. פּאלושאק, מרס. דאַניאַך, מ. נ. שטענצל, מאָריס קאַץ, י. זאלקין, מרס. זאלקין, מרס. רייטער, קינגסטאָן, צבי אָרנשטיין, חזן ראָט, מ. ניסנבוים, ס. לעמל, שולמאַן, פּראָוויזאָר.

מרס. דון־יחיא גיט דאַן אָפּ אַן ערקלערונג אינם נאָמען פון איר קאָמיטעט, אַז ווען דער גרויסער זאַל פון דער רידינג רום וועט ווערן פאַרריכט וועט ער ווייטער ווערן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון די י.ל.ש.נ.

עס באַקומט נאָך דאַן דאָס וואָרט מר. לעמל, וועלכער זאָגט אַז מ׳דאַרף נישט פאַרלירן די האָפנונג בנוגע דער ווידעראויפלעבונג פון יידיש דאָ אין ענגלאַנד, אפילו ביים יונגערן דור. עס איז פאַראַנען אַ פעלד, מ׳מוז עס נאָר פריש פאַראַקערן און פאַרזייען — יידיש איז און וועט בלייבן די אינטערנאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך.

מר. מ. מינדל אינם נאָמען פון אַרבעטער־רינג, קולטור־סעקציע, זאָגט צו זיין מיטאַרבעט פאַר „פריינט פון יידיש לשון". נ. רובין און מר. נאַדעל טראָגן אַריין פּראַקטישע פאָרשלאַגן. נאָך אַ קורצן וואָרט־וואונטש פון דוב וואַרשאַווסקי, שליסט דער פאָרזיצער, משה עובד, מיט אַ קורצער רעדע, די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון", און ער אַפּעלירט צו אַלע אָנוועזנדע צוצוליינגן אַ האַנט צו דער וויכטיקער קולטור־אַרבייט פונם פאַראיין.

# ווייטשעפּל און בעלזען־בערגען

צו דער בילדער אויסשטעלונג פון ראָז ל. הענריקעס
אין דער ווייטשעפּעלער אַרט־גאַלעריע

די אויסשטעלונג פון די איבער הונדערט און זעכציק צייכנונגען און אייל־בילדער „סטעפּני בשעת מלחמה און שלום" פון ראָז ל. הענריקעס, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך אויך צענדליקער אייל־בילדער און צייכנונגען פון די יידישע קעמפּס אין בעלזען־בערגען, טראָגט קודם אין זיך דעם גרויסן שייכות און יחוס־באַציאונג פון אַ יידישן ישוב צו די קעמפּס פון די יתר־הפּלטה. — ס'איז די גרויסע ליניע ברייט געצויגן פון יידישן האַרץ אין ווייטשעפּל ביז דאָרטן אַהין, צו די געבראָכענע געמיטער פון אונזערע ברידער, ס'איז מער ווי סתם קינסטלערישע ליניע און אַ געלונגענע צייכנונגען־סעריע, ווי פיינע פּענזל־שטריכן אויף לייוונטן — ס'איז אַ ביסעלע ליכט וואָס פאַלט אויף אונזער שאָטן דאָ.

ראָז ל. הענריקעס איז נישט קיין באַרופס מאָלערין, אָדער צייכענערין, זי איז אַן אַמאַטאָרין מיט אַ פיינער קינסטלערישער נטיה פאַר פאַרב און פאַנטאַזיע און מיט אַ גרויסער תשוקה אויסצודריקן אירע געפילן וויזיאָנעריש. איר געזונטער חוש פאַר רעאַלן לעבן און איר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אַקטיוויטעט איז מהסתם דער רעאַליזם אין אירע פלינקע שטריכן און דאָס אימפּרעסיאָניסטישע פליסיקע און אירע פאַרבן. פרוי הענריקעס איז אַ סאָציאַלע פונקציאָנערין אויף דער יידישער גאַס, די ווייטשעפּעלער אָרימע געסלעך קענען איר אַרבעט, און נאָך מער די יוגנט. צי מיר זיינען מסכים צו איר ליבעראַלן צוגאַנג צו יידישע ענינים, יידישע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע דאָס איז נישט יעצט דער פּלאַץ עס צו פאַרנאַנדערוויקלען. אָבער, אַז איר אַרבעט איז אַ יידישע פון גאַנצן האַרצן קאָן קיינער נישט מספק זיין. זעענדיק אירע טאָג־טעגלעכע פרייוויליקע באַמיאונגען און אויסדויער, בשעת אונזערע הענט לאָזן זיך אַראָפּ און פאַרמאַטערט, קאָן מען זי נאָר בלויז באַוואונדערן און קוקן מיט קנאה. . . .קוקן מיט חשד אויף ערלעכע יהודימשע אַרבעט, — בשעת אונזער יידישע און העברעאישע דערציאונג־טעטיקייט ליגט דאָ כמעט ווי געלעמט, — זיינען מיר נישט מער באַרעכטיקט.

בשעתן קריג פלעג איך זי אָנטרעפן, די שוואַרץ־חנוודיקע לעדי נישט ווייסנדיק ווער זי איז. איך פלעג פון איין זייט קומען אין די שעלטערס מיט מיינע „העפטלעך" און זי מיט אַ גרויסן קעסל פאַרנדיקע זופּ. אַ פאַרקאָכטע אין איר אויסטיילן טעלער זופּ צו די פאַרמאַטערטע קינדער און פרויען, צו שווערע מלחמה אַרבעטער וואָס פלעגן קומען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט פון די נאַכטן־שיכטעס, פלעג איך מיך צוקוקן צו איר פריידיקן ערנסט, בשעת איר פלינקן אויסטיילן און צו איר מיטגענוס פון דעם, וואָס האָט זיך דאָס האַרץ דערכאַפּט מיט דעם ביסל וואַרעמע זופּ. און דאָס שטילע שמייכעלע אויף אירע ליפּן האָט אויך גוט געטון, — עס איז געווען דאָס ביסעלע



קאָמפּאָט נאָך דער וואַרעמער זופּ! — בשעת אין דרויסן פאַרן שעלטער זיינען געפאַלן די אויפרייסנדיקע באָמבעס איינע נאָך איינע.

עפּעס איז דאָס שוין יאָ געווען יידיש־סאָציאַלע אַרבעט, אויף וועלכער מ'האָט געקאָנט שטאָלץ זיין!

ווען זי איז אַוועק מיט אירע ליידיקע זופּ־קעסלען האָב איך אויך אָפּגעוויקלט מיין מסחר מיט די „העפטלעך" און אַ באַרואיקטער מיך געזעצט שרייבן מיינע „לאָנדאָנער שעלטער און בליץ־לידער"! אָבער אַז די דאַמע מיט פלינקע אַלץ־זעענדיקע שוואַרץ־חנ'עוודיקע יידישע אויגן, נאָך איר אָפּגעטוענע אַרבעט דאָ, שטייט גאָר דרויסן אינמיטן דעם דונערן פון האַרמאַטן און קנאַלן פון די באָמבעס, און צייכנט און מאָלט ברענענדיקע סינאַגאָגעס אין פלאַמען, איינגעפאַלענע קירכעס, פייערלעשער אויף די וואַקלדיקע לייטערס, „וואָרדנס" שלעפנדיק טויטע פון אונטער די חורבות און ראַטעווענדיקע פאַרוואונדעטע — דאָס האָב איך דעמלט נישט געוואוסט.

זעענדיק איצט די אויסשטעלונג מיט דעם שלל פון בילדער און צייכנונגען, און וויסנדיק שוין עפּעס מער ווער די דאַמע איז און מיט איר שטאָלצן יחוס, אַזש ביז רש"י הקדוש, זע איך זיי, די בילדער אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט; נישט אין ריין טעכניש, צו אפילו עסטעטיש קינסטלערישן; „אויב נישט נאָך העכער" — אין ליכט פון ברענענדיקן ווייטשעפּל! אין ליכט פון אַ מענטשלעך יידיש האַרץ, וואָס דערוואַרעמט מיט גוטס צו טון מענטשן בשעת נויט; מיט ליבע צו אַ שטיקעלע ערד וואָס הייסט ווייטשעפּל וואו צוגעפאָרענע יידן האָבן געפונען אַ שטיקל מקום מנוחה. וואָרים אַזוי האָט די מאָלערין געזען אירע בילדער. איר צייכענען און מאָלן זיינען נאָר אַ פאָרטזעצונג פון איר האַנדלען, פון איר טעטיקייט. ס'איז איר ווייטערדיקער עבודה!

אפשר ווען די אויסשטעלונג וואָלט נאָר געווען בלויז פון בילדער פון ווייטשעפּל, ווען אפילו ס'רוב 90 פּראָצענט פון יידישן לעבן, פון די שטילע געסלעך דאָ און טומלדיקן מאַרק, פון יידישע אָרעמקייט און שולן, סינאַגאָגעס בשעתן דאַוונען א. א.וו. וואָלט עס געווען פאַר מיר אַ „ווייטשעפּל־אַרט־גאַלעריע"־אויסשטעלונג פון בעסערע און שלעכטע צייכנונגען און בילדער פון „סטעפּני בשעת קריג און פרידן". אָבער דערזעענדיק צווישן זיי צענדליקער בילדער בעלזען־בערגען, די סמיכת־הפּרשה, — די דאָזיקע אַסאָציאַציע! — איז עס ביי מיר געוואָרן יידישער המשך — די גרויסע יידישע ליניע, וואָס ציט זיך פון יידישן האַרץ פון ווייטשעפּל ביז צו די געבראָכענע הערצער אין די קעמפּס פון בערגען־בעלזען.

די ענגלישע יהודימשע סאָציאַלע טוערין געפינט ווייטער איר יידישן וועג אויף אונזער שווערן שייד־וועג פון די „ענגלישע צאָנע". . . .מיט איר ליבע, מיט איר באַוואונדערונג, צו און פון די „קאַצעטניקעס ווערן אירע בילדער פאַרטיפטער, די גראָבע שטייפע ליניעס פיינער און נערוועזער. —



די געבאָמבטע שיל אין פּילפּאַם ספרים — געצייכנט פון ראַז ל. הענדריקעס.

ס׳מאַכט נישט אויס, אַז אַ ליניע ברעכט זיך אַביסעלע איבער, ווען זי ווערט נאָר אייגענער!. . . .און די פּליסיקע פאַרב ליכטיקער קינסטלעריש־נערוועזער און עכטער; יאָ, עס פאַלט דערפון אַ שטראַל ליכט אויף דער יידישקייט פון אַ ליבעראַלן יידישן מענטש.

אפנים, אַז דער „בתוך עמי אנכי יושבת", דער „עמו אנכי בצרה" האָט אַ סך דערמיט צו טון! אַ ליבעראַלער ייד, וואוינענדיק אין ווייטשעפּל, אַ ייד צווישן יידן ווערט מען אינגאַנצן אַן אייגענער אַן אונזעריקער, אַ נאָענטער — עס פאַלן אַלע געמאַכטע און קינצלעכע מחיצות אַלנפאַלס פונם פּילנדיקן האַרץ, פונם קינסטלערישן געמיט

ש.



# שלמה גאָלדענבערג ע״ה

(געשטאָרבן — כ״ה סיון, תש״ז—13 יוני, 1947 — אין לאָנדאָן)

אודאי, וואָלט שלמה גאָלדענבערג ע״ה, געווען איבערגעלאָזט אַ מטמון מיט געלד, אָדער עפּעס „אַזעלכעס", וואָס וואָלט אָנגעמוט, אַז מען קען עפּעס דערלעבן... וואָלטן זיך שוין געווען אָפּגעיאָוועט די יאָריקע „מספּידים"; מען וואָלט גערעדט און געשריבן לאַנגע נעקראָלאָגן מאָנאַטן גאַנצע, מען וואָלט זיך פּשוט נישט געקענט דערשלאָגן צו אַ פּלאַץ. . . .

הגם גאָלדענבערג איז אויך געווען אַ ציוניסט, און נאָך וואָס פאַר אַ ציוניסט! — פון יענע רוסישע יידן־מאָהיקאַנער, וואָס האָבן דעם ציוניזם געבויט און געשאַפן. ער איז אויך געווען אַ דעלעגאַט צו פיל ציוניסטישע קאָנגרעסן. ער האָט אויך געבויט און געווען „טשערמאַן" אין פיל יידישע אינסטיטוציעס; אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טוער, און דאָך זעט עס אויס ווי מ׳וואָלט געוואָלט דעם נפטר פאַרשווייגן. . . .

מהאי טעמא, פיל איך אַן אינערלעכן רוף (הגם, איך שרייב זער זעלטן הספדים...) צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער איבער גאָלדענבערגס קבר... איך וואָלט זיכער נישט געזאָגט ווען איך זע, ווי דער שטייגער איז, אַז עס זיינען דאָ גענוג „באַוויינער און „באַקלאָגער", וואָס טרומייטערן און פּילדערן. אָבער דאָ, אַרט מיר זער... עס ווילט זיך באַוויינען איבער גאָלדענבערגס קבר, דעם יידישן עלענד און אָרעמקייט.

ווען עס איז דערגאַנגען צו מיר די ידיעה פון גאָלדענבערגס טויט (שוין נאָכאַלעמען...)איז דער מת ממש געלעגן פאַר מיינע אויגן, און מיין אהה... איז געבליבן הענגען אין דער לופטן... איך האָב דערשפּירט, אַז אַ שטיק יידישע עלענדקייט איז אָפּגעשטאָרבן... עס האָט עפּעס ארומגענומען אַ רחמנות צו זיך אַליין און צו אונז אַלעמען. . . .

שלמה גאָלדענבערג איז געווען אַ שטיק טראַגעדיע פון יידישן טראַגיזם. ווי זיין לעבן אַזוי אויך זיין טויט איז איינגעוויקלט אין אַ יידישן מזל־שלייער. איך האָב שטענדיק געזען אין גאָלדענבערגען דעם אמתן גלות־ייד... אָט ווי ער שאַרט זיך פאַמעלעך איבער ווייטשעפּל, און זיינע קעשענעס אָנגעשטאָפּט פול מיט ספרים און ביכער. ער איז געווען אַ גייענדיקער „ספר־פאַרלאַג"; אַ זון פון דעם „עם הספר", וואָס לעבט נאָר פון בוך; אַלץ ווערט געמאַכט שטייענדיק און גייענדיק.. און פון דעם האָט נאָך גאָלדענבערג געדאַרפט אויסהאַלטן אַ פרוי מיט זעקס קינדער...

הגם, גאָלדענבערג, איז שוין געווען אין אַמעריקע, און יאָרן לאַנג אין ענגלאַנד און געוואוינט האָט ער ערגעץ העט, ווייט, — איז ער דאָך געשטאָרבן אין ווייטשעפּל.. מען איז שוין געוואוינט געווען צו זען גאָלדענבערגען, טאָג איין און טאָג אויס צו שפּאַנען איבער די ווייטשעפּעלער גאַסן, און האָט מען אים אַ טאָג נישט געזען האָט מען שוין געפרעגט, וואו איז עפּעס גאָלדענבערג?

גאָלדענבערג איז געווען אַן אָריגינעלער טיפּ, פון יענע רוסישע ערלעכע
עקשנותדיקע יידן, וואָס האָבן געבויט ציון און געמאַכט רעוואָלוציעס און
געקעמפט. ער איז געווען אַן אינדיווידואַליסט און דערפאַר האָט ער זיך גע-
קוועלט און געדריקט. און זיין זער שווערע לאַגע, האָבן טאַקע נישט איינמאָל
„אויסגענוצט" פאַרשיידענע פּאָליטיקאַנער, וועלכע האָבן גאָלדענבערגען
אַריינגעשטופּט אין נישט קיין איינגענעמע סיטואַציעס, און פאַרשאַפט אים
פאַרדרוס און פּיין.... אָבער, נישט געקוקט אויף זיין שווערלעכן מצב
האָט דאָך גאָלדענבערג געטראָגן הויך און שטאָלץ זיין קאָפּ און נישט גע-
קראָכן „יענעם" אונטער די פיס.... דאָס אַליין איז שוין ביי מיר אַ גענוגנדע
מעלה, אַז גאָלדענבערג זאָל ווערן אָפּגעשאַצט....

גאָלדענבערג איז געווען אַ שאַרפער שרייבער, אַ גוטער פּובליציסט. ער
האָט געשריבן פריי, אָן פחד און אָן קונצן... זיינע קריטיקן זיינען געווען (מיט
קליינע אויסנאַמען, ווען מ'האָט ביי אים אויסגעפּרעסט אַ באַשטעלונג...) זער
טרעפלעך, לעבעדיק און אויסגעהאַלטן זיין ליניע. גאָלדענבערג האָט פיל גע-
שריבן, ווער קען אַלעם אויסרעכענען. אפשר וועט זיך אַמאָל געפינען אימיצער
וואָס וועט אַרויסגעבן אַלע זיינע שריפטן אין אַ בוך פאָרעם, דאָס וואָלט גע-
ווען אַ „חסד של אמת" פאַרן נפטר און אַ „חסד של חיים" פאַר זיין פאַמיליע.

דאָס זיינען מיינע פּאָר ווערטער, וואָס איך וואָלט געזאָגט אויפן קבר
פון שלמה גאָלדענבערג, וועלכער איז געווען אַ שארית פון אַן אַלטן דור; אַן
איבערבלייבונג פון אַמאָליקן שיינעם און שטאָלצן רוסישן יידנטום, וואָס איז
שוין היינט מער נישטאָ....תנצב"ה.

**דוב ווארשאווסקי**

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָד סעטלמענט, 33 בערנער סטריט א.1. — 3 אַ זייגער

שבת, דעם 5 יולי — די טראַדיציאָנעלע ביאַליק־און הערצל־פייערונגען צו די יאָרצייטן כ און כא תמוז. עס וועלן זיך באַטייליקן שלמה אויערבאַך, פרענקעל, אייזיקאָוויץ, אָרנשטיין, מייזלס און טונים.

שבת, דעם 12־טן — וועט דער אַקטיאָר יהושע האָראָוויטש ליינען שלום עליכמען.

שבת, דעם 19־טן — וועט אליהו פּאָלושאַק האַלטן אַ פאָרטראַג „די יידיש פּאָליטישע לאַגע און די יונאָ".

שבת, דעם 26 — די טראַדיציאָנעלער שבת חזון. מען וועט פאָרליינען פון די קלאַסיקער. עס וועלן זיך באַטייליקן י. ביעטש, נעט רובין, ישראל זאַלץ א.א.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאַנג — אויגוסט 1947 לאָנדאָן — **נומער 8** (העפט 91)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


## אינהאַלט:


„דריי־וואָכן"־געדאַנקען פון אַ גלות־ייד...** .. .. .. .. 1

טרויער און טרייסט (פעלעטאָן) — נחום שטענצעל .. 4

חלומות פאַרלאָרענע (פּאָעמע) — ש. זאַלקין .. .. 5

רב הערש שרעקט זיך פאַר די עקזאַמענס (רעפּאָרטאַזש־דערציילונג) — זיינוול דיאַמאַנט 8

„אז בהלוך ירמיהו על קברי אבות". נאָך האַלבער נאַכט, תשעה־באב־זון, רבי חוצפית המתורגמן (לידער) — א. נ. שטענצל 13

אַ פּיצעלע בליישטיפט (פון דער סעריע איבערלעבענישן) צום פּיצעלע בליישטיפט (ליד) — משה עובד .. 17

בעטער אדם און מומע חוה !... (דערציילונג) — קיטי בראַון 23

דאָס ליד צום לעבן ! (ליד) — אברהם פנחס ציקערט 26

מאַקס ליבערמאַן (עסיי) — לעאָ קעניג .. .. .. 27

פון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער (ביכער רעצענזיעס) — ד"ר יעקב י. מייטלים .. .. .. 30

דאָס רעכט צו קריטיקירן — אליהו פאַלושאַק .. .. 39

דער גאָרקי מוזיי (עסיי) — ד. קאַוונאַטאַר .. .. 42

קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ .. .. .. .. 47

ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. .. .. 48

מיטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס .. .. 48



**פרייז 1 שילינג**

אבאָנענטס־פרייז :—13/6 פאַר אַ יאָר ;

אין אויסלאַנד :—3 דאָלאַר אַ יאָר

1/3 פאַר אַ פראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע

„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.



אַ האַרציקן

**מזל טוב**

צו דער חתונה פונם פּאָעט

**דוד זיידנפעלד**

מיט

**בעלאַ האָראָוויטש**

די רעדאַקציע „לשון און לעבן"

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אַמעריקע.

דער **„מאָרגען - זשורנאַל"** איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די **„מאָרגען - זשורנאַל"** לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס אַ טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר אַ יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אדרעס :

*JEWISH MORNING JOURNAL,* Europecn Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.

*Telephone* SPEedwell 7935

**By Appointment Dealer in Antiques to H.M. QUEEN MARY**

CAMEO CORNER

**(Proprietor: Mosheh Oved)**

are

Buyers and Sellers of Interesting Old Jewels

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1.**

**MUSeum 0401.**

יידישער טעאַטער „גרענער פּאַליי", קאָמערשל רויד, א.1

**מאַרק מאַרקאָוו** און **עטאַ טאָפּעל**

טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע

טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*